# פרשת במדבר כ"ז אייר – ד' סיון תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת במדבר***

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. המנהל הרב משה **יואל גערטנער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הגה"צ הדומ"ץ שליט"א** השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תעודה וזמירות מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז דא די ברכות התורה, אם בחוקותי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם (ויקרא כו-ג). עס שטייט אין **בעל הטורים**, א'ם ב'חוקותי ת'לכו ו'את מצותי תשמרו, איז די ראשי תיבות אבו"ת. ער זאגט על פי דרכו וואס עס איז דער קשר פון אבות אהער.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו, ב"ה מען זעהט נחת, ווי אזוי די קינדער הייבען אן צו לערנען תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו דאס איז די שענסטע נחת וואס עלטערן האבן. אז מען איז זוכה צו ערציען קינדער און אייניקלעך וואס וואקסען אויס תלמידי חכמים און יראי ה', איז דאס די גרעסטע שמחה וואס איז שייך ביי א מענטש. פון אלעס וואס א מענטש האט, נעמט ער גארנישט מיט, אלעס לאזט מען דא איבער, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, נאר קינדער וואס מען לאזט איבער וואס פירן זיך בדרכי התורה, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס בלייבט א נצחיות פארן מענטש אויף שפעטער.

**עס** שטייט אין ספר **דברי אברהם**, ער איז געווען א תלמיד פונעם **חתם סופר**, און ער ברענגט אסאך מאל צו ווערטער וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, דער הייליגער חתם סופר. זאגט ער, הנסתרות לה' אלקינו, והנגלות לנו ולבנינו עד עולם, לעשות את כל דברי התורה הזאת (דברים כט-כח). זאגט ער, אז ער האט געהערט פון זיין רבי, אז עס איז דא יודען וואס דינען דעם אייבערשטען בהצנע לכת, באהאלטן פאר זיך, ער וויל נישט צוקומען צו פניות, ער וויל נישט עס זאלן זיין זייטיגע מחשבות, דינט ער דעם אייבערשטען באהאלטענערהייט, קיינער ווייסט נישט, קיינער זעהט נישט, און די עבודה איז זייער חשוב ביים אייבערשטען. אבער די עבודה איז נישט געגעבן געווארן פאר יעדן איינעם. עס איז געגעבן געווארן פאר א יוד וואס האט נישט ארום זיך וועם ער דארף משפיע זיין. ער דארף דינען דעם אייבערשטען פאר זיך, און ווי מער עס איז בהצנע לכת, איז עס אלץ חשוב'ער. ווען ער לערנט, לערנט ער באהאלטענערהייט. ווען ער גיט צדקה, גיט ער צדקה באהאלטענערהייט, עס איז אלעס חשוב. אבער די וואס זענען אויף די וועלט, און זיי האבן א פליכט משפיע צו זיין אויף אנדערע אויך, די טארן נישט דינען דעם אייבערשטען באהאלטענערהייט, די דארפן דינען דעם אייבערשטען אפענערהייט, אז די וואס טוען מקבל זיין פון זיי, זאלן זעהן ווי אזוי זיי דינען דעם אייבערשטען. **עלטערן וואס האבן קינדער, און זיי דארפן מחנך זיין קינדער צו דרכי התורה, דארפן נישט באהאלטן פון א קינד קיין שום דבר טוב וואס ער טוט. די קינדער דארפן זעהן ווי אזוי דער טאטע דאווענט, ווי אזוי דער טאטע לערנט, ווי אזוי דער טאטע גיט צדקה, און אזוי ווייטער.** א רבי וואס איז משפיע פאר אנדערע, זאגט דער חתם סופר, דארף נישט זיין באהאלטן, ער דארף טון אקעגן די תלמידים, ווייל ער דארף ערציען די תלמידים אז זיי זאלן צוקומען צו די דרגה אין עבודת ה'.

**'הנסתרות'**, דינען דעם אייבערשטען בנסתר, איז זייער א שיינע זאך, 'לה' אלקינו', בינו לבין המקום איז נסתרות זייער א שיינע עבודה. אבער 'והנגלות', אונז דארף מיר דינען דעם אייבערשטען מיט נגלות, ווייל 'לנו ולבנינו', אונז דארף מיר דינען דעם אייבערשטען, אז וואס אונז טוה מיר, זאלן די קינדער אויך זעהן. און דאס איז די חשיבות פון דעם, וואס מען שטעלט אויף קינדער זאלן זיך אזוי פירען, ווייל דאס איז 'עד עולם', דאס בלייבט אויף שטענדיג. אפילו ווען מען לאזט איבער די וועלט, און מען ווערט א עומד, מען קען נישט מער טון מצות און מעשים טובים. אבער דאס וואס קינדער פירן זיך ווייטער ערליך, קינדער דינען דעם אייבערשטען, דאס איז זכותים וואס בלייבט פאר א מענטש לעולמי עד. ער איז א הולך שטענדיג, אפילו ווען ער געפונט זיך שוין נישט אויף דעם עולם. דאס

איז 'לעשות את כל דברי התורה הזאת', אז מען זאל קענען טון לעולם את כל דברי התורה הזאת, דאס ווענדט זיך אין די נגלות וואס איז לנו ולבנינו. קינדער דארפן שטענדיג צוזעהן ביי די עלטערן ווי אזוי זיי דינען דעם אייבערשטען, ווי אזוי עס איז די חשיבות פון תורה, די חשיבות פון יראת ה', דאס טוט ארויפברענגען די קינדער אין זייער מדריגה.

**און** כל שכן ח"ו נישט צוברענגען דערצו אראפצופירען דאס קינד פון ריכטיגען וועג. א תלמוד תורה גיט זייער אסאך צו פאר די קינדער, אן דעם וואלט זיך נישט געהאלטן די תורה. וויפיל יעדער רבי לייגט אריין אין די קינדער פון צופרי ביז ביינאכט, עס לאזט זיך נישט זאגען וואס פאר א עבודה קשה עס ווערט אריינגעלייגט, [און לענינינו, וואס פאר א הערליכע פירות רבי מרדכי יונה האט אהערגעשטעלט מיט די קינדער], אבער די שטוב מוז מיטארבעטן דערמיט. **טאמער דאס קינד זעהט נישט אין שטוב, וואס מען לערנט מיט אים אין תלמוד תורה, און כל שכן אמאל וואס מען מאכט עס נאך אוועק. עס איז צו פרום, מען דארף נישט זיין אזוי. און מען מאכט אוועק וואס דער רבי זאגט, און וואס דער מנהל זאגט, דאס טוט קאליע מאכן דאס קינד.** דער הנגלות דארף זיין לנו ולבנינו, און ער זעהט א אנדערע נגלות, ער זעהט א אנדערע זאך וואס עס דארף נישט צו זיין.

**מען** האט געלערנט די וואך אין פרקי אבות, די משנה (אבות ד-יז) זאגט, אז עס איז דא ארבע מדות בהולכי בית המדרש, ביי די וואס גייען אין בית המדרש, איז דא פיר ערליי מדות. די ערשטע מדה רעכנט ער אויס, אויב ער איז הולך ואינו עושה, שכר הליכה בידו. דער ברטנורא טייטשט, אז ער גייט אין בית המדרש, און ער פארשטייט נישט וואס מען לערנט. הולך, ער גייט, אבער ער כאפט נישט וואס מען לערנט דארט אין בית המדרש, ער איז א אינו עושה, האט ער דאך גארנישט געלערנט, אבער עס איז שכר הליכה בידו, ער האט שכר אז ער איז געגאנגען אין בית המדרש. נאכדעם איז דא א עושה ואינו הולך, ער זיצט ביי זיך אינדערהיים, עושה, ער לערנט פיין, אבער ער גייט נישט אין בית המדרש לערנען. דער האט נאר שכר מעשה בידו, ער האט נישט קיין שכר אויף די הליכה, ער האט נאר שכר אויף דעם וואס ער האט געלערנט.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז ער איז א הולך ואינו עושה, ער גייט און ער האט גארנישט אויפגעטון דארט, אויף וואס איז דער שכר הליכה. פארוואס האט ער שכר אויפן גיין, ער טוט דאך גארנישט אויף אין בית המדרש. לו יהא דער ערשטער מאל וואס ער גייט, מיינט ער נאך אז ער וועט פארשטיין, האט ער דאך א גוטע מחשבה, א מחשבה טובה, אז ער וועט פארשטיין וואס מען לערנט. און אז עס האט זיך נישט אזוי אויסגעשטעלט, האט ער שכר, מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה. אבער מען רעדט דאך ווען ער איז פון די הולכי בית המדרש, ער גייט שטענדיג, ער איז א הולך, ער גייט שטענדיג אין בית המדרש, א יוד וואס פארשטייט נישט וואס מען לערנט, און ער גייט יעדן טאג אין בית המדרש, זאגט מען, שר הליכה בידו, ער האט שכר אויפן גיין?! וואס איז דער שכר הליכה? ער ווייסט מעיקרא, איך גיי אין בית המדרש, און איך גיי נישט פארשטיין וואס מען לערנט, און ער גייט.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. אמת ער פארשטייט נישט וואס מען לערנט, און פאר זיך האט ער גארנישט אויפגעטון, אבער דאס וואס ער האט אראפגעלייגט אין שטוב, אז א טאטע דארף גיין אין בית המדרש לערנען תורה, און דאס קינד זעהט ווי דער טאטע איז יעדע נאכט פון אכט אזייגער ביז ניין אזייגער נישט אין שטוב, ווייל ער דארף גיין צום שיעור. איז אפילו דער טאטע האט גארנישט אויפגעטון, אבער ער האט מחנך געווען זיין קינד, אז א יוד דארף יעדן טאג אוועקגעבן א שעה פאר תורה. ער וועט אפשר שוין נישט אויסוואקסען א תלמיד חכם, אבער זיין קינד קען אויסוואקסען א תלמיד חכם. און שפעטער ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, און מען דארף האבן דעם זכות פון די קינדער, האט ער דעם זכות, און ער איז א הולך דורכדעם וואס ער איז געגאנגען אין בית המדרש. ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטען באהאלטענערהייט, פאר זיך, און די קינדער זעהן נישט ווי אזוי ער גייט אין בית המדרש לערנען. עס איז זייער שיין, ער וועט באקומען שכר אויף דעם וואס ער האט געטון, אבער ער האט נישט מחנך געווען זיינע קינדער אויף דעם וועג. די קינדער וועט ער נישט האבן דורך דעם. קינדער איז נאר וואס זיי זעהען ביי די עלטערן ווי אזוי זיי פירן זיך, דאס איז דער משפיע וואס איז דא אויף קינדער.

**זאגט** די משנה, אז ביי די הולכי בית המדרש, די וואס גייען אין בית המדרש, איז דא דער וואס איז 'הולך ואינו עושה', ער גייט אין בית המדרש, און ער טוט גארנישט. וואס האט ער אויפגעטון, 'שכר 'הליכה' בידו', ער וועט זיין א הולך שפעטער, ער וועט האבען די שכר פון הליכה. זיין קינד האט צוגעזעהן ווי אזוי ער גייט אין בית המדרש, וועט דאס קינד שפעטער אויסוואקסען א תלמיד חכם, און ער וועט זיין א הולך. ווען ער וועט אוועקגייען פון די וועלט, און ער האט נישט קיין זכות פון תורה, אבער דאס קינד וואקסט אויס א תלמיד חכם, דאס איז זיין קרעדיט. 'עושה', ער טוט פאר זיך, קיינער זעהט נישט, 'ואינו הולך', ער גייט נישט אין בית המדרש, דער וועט נאר האבן 'שכר מעשה בידו', ער האט געדינט דעם אייבערשטען, אבער שכר הליכה וועט ער נישט האבן. ער קען נישט זיין א הולך. אז מען וויל זיין א הולך, דארף מען זיין א סעמפ"ל פאר די קינדער, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. ווען א שטוב איז ערליך, ווען א שטוב איז הייליג, עס קומט נאר אריין דברים שבקדושה אין שטוב, עס איז נישט דא עפעס אנדערש, די לופט פון די שטוב איז א תורה'דיגע לופט, דעמאלטס קען מען ערציען דארט ערליכע קינדער, און ערליכע יודישע דורות.

**די** תלמוד תורה גיט ארויס קינדער אלע אייניג, מען לערנט נישט מיט איין קינד מער פונעם צווייטען, אבער נישט אלע וואקסען אויס די זעלבע. ווייל די שטובער זענען נישט די זעלבע. וואס דער שטוב איז, דאס איז דער חותם וואס ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד. אז עלטערן ווילן אז די קינדער זאלן וואקסען, דארפן זיך די עלטערן צושטעלן דערצו, אז וואס מען לערנט אין תלמוד תורה דאס איז די לופט אין שטוב אויך, דעמאלטס וואקסען אויס שיינע פירות.

**זאגט** די תורה הק', א'ם ב'חוקותי ת'לכו, די ראשי תיבות איז אב"ת, די אבות דארפן שטענדיג געדענקען אז אם בחוקותי 'תלכו', אויב עטץ ווילטס זיין שפעטער א הולך, דארף מען אזוי מחנך זיין די קינדער, ועשיתם אותם, עטץ זאלטס עס טון. אז עטץ טוטס עס, וועט זיין אם בחוקותי תלכו, וועט מען זוכה זיין שפעטער אז די קינדער וועלן אויך גיין אויף דעם וועג.

**ב"ה** עס זיצען דא עלטערן מיט זיידעס, מען קוקט זיך אום, עס זענען דא פונעם אלטן דור וואס זענען ערצויגען געווארן מיט אהבת תורה ויראת שמים, די קינדער האבן א גוטן מקום וואו זיי קענען נתחנך ווערן אויסער די תלמוד תורה, וואס די שטובער געבן צו. דאס איז א פליכט נישט נאר אויף די טאטעס, נאר אויך די זיידעס דארפן זיין פון די נגלות וואס איז לנו ולבנינו. א קינד געדענקט זייער אסאך וואס דער זיידע האט געטון, ווי אזוי ביים זיידען אין שטוב האט מען זיך געפירט. אונז דארף מיר זיין א מוסטער פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך, דעמאלטס איז מען זוכה צו די ברכת התורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פאר ענק אלע, אז מען זאל קענען ווייטער מחנך זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און פאר רבי מרדכי יונה לאנגע געזונטע יארן ווייטער אויך, פון יאר צו יאר ווערט עס שענער, מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה געזונטערהייט. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל אסיפת רבני עיר מאנסי, שהתקיים באולם וויזניץ, לעורר על הפירצות בעניני צניעות ובפרט במלבוש השייטל, שנפרץ ביותר לאחרונה באופן נורא. **רבינו שליט"א** השמיע מדברותיו בחובת השעה לעורר לבבות ישראל לתקן בדקי הבית בשמירת גדרי הצניעות והקדושה.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מיר** ווילן אנהייבן מיט א מאמר חז"ל (סנהדרין עא:) כינוס לצדיקים הנאה להן והנאה לעולם, עס קומען זיך צוזאם תלמידי חכמים, רבנים, חכמי העיר, הנאה להם, איז דאס קודם א געוואלדיגע הנאה פאר זיי אליין, דאס אז תלמידי חכמים זענען נוחים זה לזה (שבת סג.), אז עס קענען צוזאם קומען אויף איין טיש אלע קרייזן, אלע זיצן מיט איין ציל ארויפצוברענגען כבוד שמים, איז אפילו מען האט גארנישט אויפגעטון, איז עס הנאה להם, די עצם כבוד התורה אליין פון א כינוס צדיקים, האט א געוואלדיגע חשיבות. און כל שכן ווען מען קומט זיך צוזאם אויף

אויפצוטון פאר די שטאט, איז הנאה לעולם, עס איז נישט קיין ספק אז דאס איז א הנאה פאר די גאנצע שטאט, דאס אז אלע זענען זיך מאחד צוזאמען כדי ארויפצוברענגען קדושה און טהרה וואס פארלאנגט זיך פון כלל ישראל.

**עס** שטייט אין פסוק (במדבר כז-יח), ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל נעמען יהושע און ער זאל אים שטעלן צו זיין א מנהיג ביי יודען, האט ער אים געזאגט, קח לך את יהושע בן נון, איש אשר רוח בו, וסמכת את ידך עליו, רש"י טייטשט שוין אויף מערערע פלעצער, קיחה מיינט נישט נעמען מיט די הענט, נאר קיחה בדברים. זאג אים, אשריך שזכית להנהיג בניו של מקום, גליקליך ביזטו אז דו האסט זוכה געווען צו דעם אז דו גייסט פירן יודישע קינדער. מען דארף וויסן דעם געוואלדיגן חשיבות, איינער וואס דער אייבערשטער האט אים געשטעלט אז ער זאל זיין א מנהיג אויף א ציבור, אשריך שזכית, ווי גליקליך איז מען אז מען איז זוכה צו פירן יודישע קינדער.

**עס** שטייט אזוי ביי יהושע, און שפעטער שטייט עס אין רש"י (דברים א-טו) בשעת משה רבינו האט גענומען די שבעים זקנים, איז אויך א לשון פון קיחה, ואקח את ראשי שבטיכם, האט ער זיי געזאגט, אשריכם, על מי באתם להתמנות, עטס זענטס גליקליך, ער האט געוואלט ארויסברענגען די חשיבות פון זיי, אז זיי זענען זוכה צו פירן יודישע קינדער וואס ווערן אנגערופן אחים ורעים חלק ונחלה וכל לשון חיבה, דער אייבערשטער רופט אהן דעם כלל ישראל אז זיי זענען מיינע ברודערס, מיינע גוטע פריינד, דער חלק ונחלה וואס איך פארמאג אויף דער וועלט. דער אייבערשטער פארמאגט נישט אויף דער וועלט נאר דעם כלל ישראל, אלעס איז נאר כדי אז יודען זאלן זיך קענען האלטן אויף דעם עולם, דארף מען האבן א גאנצע וועלט ארום און ארום, און כלל ישראל דאס איז אחי ורעי, דאס איז דעם אייבערשטענס גוטע פריינט. דער באשעפער האט אויסגערעכנט דור דור ודורשיו, פאר יעדן דור האט ער צוגעשטעלט די דורשיו, און אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה און ער פירט אויס זיין תפקיד ווי עס באדארף צו זיין, ער טוט מנהיג זיין יודען אז זיי זאלן גיין על דרכי התורה, קודם דארף ער וויסן דעם אשריכם, ער דארף האבן דעם חיזוק דערצו, עס נישט נאכצולאזן, און קענען אויספירן דעם תפקיד וואס מען דארף.

**יעדער** רב ביי זיך אין בית המדרש, האט א געוואלדיגען כח אדורכצופירן זאכן וואס עס פעלט אויס. מען שעצט אונטער די אייגענע כוחות, אסאך מאל מיינט מען אז מען קען נישט זאגן. פאר ראובן שמעון לוי וועט אפשר נישט געפעלן וואס מען זאגט, און דורכדעם לאזט מען נאך וואס מען וואלט געדארפט אויפצוטון. עס איז אבער נישט אזוי, רוב ציבור פון יודען זענען יראים ושלמים, רוב ציבור פון יודען ווילן הערן, זיי ווילן גיין על פי דרכי התורה, זיי ווייסן אסאך מאל עס איז שווער, און אפילו ער איז נישט גרייט אויף די מינוט עס מקבל צו זיין, אבער ער וויל עס הערן, ער דארף אבער האבן די חיזוק דערצו אז ער זאל קענען גיין ווייטער.

**דאס** וואס מען רעדט ברבים טוט אויף געוואלדיג, יעדע נושא וואס מען רעדט פאר א ציבור, טוט מען זייער אסאך אויף פאר דעם ציבור. לא מיבעיא אז מען טוט אויף פאר דעם ערליכען, דער וואס וויל טאקע גיין אויף דעם ערליכען וועג, און ער דארף האבן דעם חיזוק דערצו אז ער זאל עס קענען האלטן, ער זאל נישט דורכפאלן און דורכברעכן פאר אנדערע. נאר אפילו איינער וואס האלט נישט דערביי אינגאנצן, האלט ער אבער אביסל, עס העלפט על כל פנים אזויפיל ער זאל נישט ערגער ווערן. און עס העלפט אויך ער זאל זיך פארבעסערן, דאס איז שוין תלוי ביי יעדעם איינעם. אבער מען האט א געוואלדיגן כח, און מען דארף אויסנוצן דעם כח וואס מען האט, כדי מרחיב צו זיין גבולי הקדושה.

*

**א** יוד האט מיר אמאל געזאגט, אז ווען א רב רעדט ביי זיך אין בית המדרש, ער מיינט ער רעדט נאר פאר דעם ציבור אליינס, און אסאך מאל שעצט ער אונטער, אז דער ציבור איז נישט אזוי גרויס, די פאר מנינים יודען וואס איז דא, פאר זיי רעד איך. אבער דער אמת איז, אז די ווערטער וואס מען זאגט, קומט אהן צו אסאך א גרעסערן ציבור וואס איז אויסערן בית המדרש, ווי דער ציבור וואס איז אין בית המדרש, וואס הערן עס בשעת מען זאגט עס. יעדער יוד ווען ער גייט אהיים, און ער רעדט אין שטוב, זאגט ער, איך בין געווען היינט אין בית המדרש, און

דער רב האט געזאגט אזוי און אזוי. ער פארציילט עס פאר זיין ווייב, ער פארציילט עס פאר זיינע קינדער, ער פארציילט עס פאר זיינע חברים, צענדליגע מענטשן הערן פון איין יחיד איבער וואס מען האט געזאגט אין בית המדרש. און ווען מען זאגט עס פאר א גרעסערע ציבור, גייט דער דיבור וואס מען האט געזאגט, צו הונדערטער און טויזנטער יודען. מען טאר נישט אונטערשעצן, טראכטן אז איך רעד נאר צו דעם קרייז, און פאר די פאר יודען איז נישט מעלה און מוריד וואס איך האב געזאגט. מען דארף וויסן אז דער ציבור איז זייער גרויס, און ווערטער וואס מען זאגט אפילו פאר א קלענערע ציבור, גייט זייער ווייט אוועק.

**דער** עלטערער דור געדענקט נאך די פריערדיגע גדולי ישראל וואס אונז האב מיר געהאט, און זיי פלעגן מעורר זיין אויף אלעם וואס מען האט געדארפט מעורר צו זיין, און דעמאלטס פערציג פופציג יאר צוריק, האט מען גערעדט פאר א גאנץ קליינעם קרייז יודען. עס זענען געווען רבי"ס און צדיקים וואס האבן גערעדט פאר פופציג יודען, זעכציג יודען, הונדערט יודען איז שוין געווען אסאך. און עס האט זיך נאכדעם צושפרייט פאר טויזנטער יודען דאס וואס זיי האבן געזאגט ביי שלש סעודות ביי זיך אין בית המדרש. לא מיבעיא אין די שטאט אליינס, נאר אויך אויסער די שטאט, אין די גאנצע וועלט, איז אנגעקומען וואס מען האט גערעדט. עס איז נישט געווען קיין טעלעפאנען, נישט קיין סעלפאון, מיט קיין הא"ט ליי"ן, וואס מען זאל עס קענען הערן און איבערהערן, נאר די פאר יודען וואס האבן עס געהערט, חברא חברא אית ליה, עס גייט פון איינעם צום צווייטן און עס קומט אהן. טויזנטער יודען זענען נשפע געווארן פון דעם וואס ערליכע יודען האבן געזאגט ביי זיך אין בית המדרש פאר א קליינעם ציבור, ווי ווייט דאס איז אנגעקומען. און דאס איז נוגע יעדן יחיד, יעדער יוד וואס רעדט אין בית המדרש האט א געוואלדיגען כח וואס עס ווערט איבערגעגעבן פאר אסאך אסאך יודען וואס זענען אויסער דעם מקום.

*

**מען** רעדט יעצט וועגן דעם ענין פון שייטלעך. איך בין נישט דא געווען פריער, מסתמא האט מען ארויסגעברענגט די פרטי הדברים, יעדער האט שוין געהערט די געוואלדיגע מכשולות וואס איז דא דערין היינט. עס האט זיך אין די לעצטערע פאר יאר אפגעריקט אזא מין מרחק פון וואס עס איז געווען פאר דעם, די טעכניק איז דאך זייער גרויס, מען קען היינט אויסארבעטן זאכן וואס לא שערום אבותינו, וואס מען האט אפילו נישט געטראכט אז עס קען אזוי צוקומען. און דער נסיון איז זייער גרויס ביי די נשים, זיי ווילן אויסזעהן גוט, מען וויל נישט זיין אראפגעזעהן מער ווי די אנדערע. עס איז דא א מדרש (אסת"ר ג-י) אז נשים איז פאר זיי וויכטיגער זיך מקשט צו זיין מיט תכשיטים און בגדים, מער ווי עסן. זיי פארשטייען נישט אונזער יצר הרע, און אונז פארשטיי מיר נישט זייער יצר הרע, אבער דאס איז זייער יצר הרע. דאס איז ביי זיי בטבע אריינגעלייגט אז זיי ווילן אויסזעהן גוט ווען מען גייט צווישן אנדערע. און וואס טייטשט אז מען זעט אויס גוט, זי גייט אזוי ווי די חבר'טע גייט. מען וויל נישט זיין וויניגער פון די אנדערע ווען מען גייט ארויס.

**און** דאס האט זיך זייער אפגעריקט. אזוי ווי די טעכניק איז געווארן זייער גרויס, מען האט אנגעהויבן קודם ממש נאר מיט אביסל לענגער פון וואס מען פלעגט צו גיין. נאכדעם נאך לענגער און נאך לענגער, און עס האט שוין היינט נישט קיין שיעור די לענג דערפון. און ווי אזוי מען האט אויסגעארבעט די שייטלעך, ווי אזוי עס זאל ציען דעם אויג. דאס מאכן דאך פארשידענע גוים, מען האט דאך עס נישט געמאכט פאר נשים וואס שערן זיך, אז זיי זאלן האבן א לבוש אויפן קאפ מיט וואס צו גיין, עס איז דאך אויסגערעכנט פון גוים ווי אזוי מען זאל דאס אויסארבעטן. און צוביסלעך ברענגט מען דאס אריין צווישן דעם ציבור, און אז עס ווערט איינגעריסן ביי טייל פון דעם ציבור, שעמט מען זיך שוין נאכדעם צו זיין די אלטמאדישע, איך בין געבליבן ביים אלטן, און אזוי ציט מען זיך אראפ איינער דורכן צווייטן.

**עס** איז א געוואלדיגער נסיון פאר זיי, מען קען נישט אוועקנעמען די נסיון, און מען דארף עס נישט קליין מאכן, ווייל אונז פארשטיי מיר נישט זייער יצר הרע. איזהו גבור הכובש את 'יצרו' (אבות ד-א), א גבור איז ווען מען איז כובש 'זיין' יצר. יענעמס יצר איז זייער גרינג כובש צו זיין, אבער זיין יצר איז שווער כובש צו זיין. מען מוז פארשטיין וואס עס איז איר יצר.

**נאר מען דארף ארויסברענגען די חשיבות פון צניעות, די חשיבות פון כיסוי הראש, אז ווען מען האט חתונה דארף מען דערקענען אויף איר אז זי איז אן אשת איש. און אז מען שפילט אויס די תורה, און מען נעמט אראפ די שערות, און מען לייגט ארויף א זאך וואס זאל אויסקוקען נישט נאר אזוי ווי מען איז געגאנגען פאר דעם, נאר אויסקוקן נאך בעסער דערפון, האט מען אינגאנצן אוועקגענומען וואס די תורה האט פון אונז געבעטן, וואס די תורה פארלאנגט פון אונז.**

**און אסאך מאל איז נשים רחמניות בשלו ילדותיהן, די טעכטער האבן חתונה, און מען דארף זיי קויפן שייטלעך, ווער קויפט עס? די מאמע גייט ארויס עס קויפן. און די מאמע וויל אז די טאכטער זאל אויסזעהן גוט, זי האט דאך יעצט חתונה, זי דארף דאך געפעלן וכדומה פאר די נייע משפחה אין וואס מען קומט אריין. און מען טוט מעיקרא צורעדן די קינדער צו גיין אנדערש ווי די מאמע גייט.** די מאמע גייט נאך אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט פאר דעם, אבער פאר די קינדער טוט מען צושטעלן אזעלכע שייטלעך וואס די מאמעס אליינס זענען נישט געגאנגען, די באבעס זענען נישט אזוי געגאנגען. ווייל מען מוז זיין אזוי ווי די סביבה, יעדער גייט אזוי, וויל מען זיך צושטעלן.

**אסאך** מאל שטייט מען און מען חידוש'ט זיך, אין די מיידל שולע'ס, גיט מען אזויפיל אכט אויף די קינדער, וויפיל מען רעדט פון דעם ענין פון צניעות, מען איז מקפיד אין די שולע אליינס ווי אזוי מען גייט מיט די האר, נישט גיין צולאזט, נישט צו גיין ווי מען דארף נישט. און אסאך מאל קומען מאמעס און זיי רעדן זיך אפ, אז מען האט נישט אזוי שטארק מדקדק געווען אויף דעם און דעם פרט. און די זעלבע מאמע גייט נאכדעם וואס די קינד האט חתונה, וואס דעמאלטס איז דאך דער עיקר וואס מען דארף זיין געווארנט מיט די האר, און מען קויפט איר אזעלכע שייטלעך וואס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה. אסאך מאל איז די קאנטראסט אזוי גרויס, אז עס איז אפילו שוועער צו פארשטיין ווי אזוי דאס פאסירט, אבער דאס מציאות איז אזוי.

**און** די תורה פארלאנגט פון אונז, מעורר צו זיין. אז מען וועט נישט נעמען יעצט קיין שריט דערויף, ווייסט מען נישט ווי אזוי אין פינף יאר ארום וועט אויסזעהן. מען האט נישט געוואוסט פאר פינף יאר צוריק ווי מען וועט אנקומען היינט, עס ווערט נפרץ פון טאג צו טאג. - **יעדער ביי זיך אין שטוב איז אזויפיל א בעל הבית, אז מען זאל נישט נאכלאזן פון וואס עס איז געווען ביז היינט. מען קען אסאך מאל שווער טוישן פון וואס עס איז שוין געווען, אבער ער קען אראפלייגן דעם יסוד אז א שוואכערער שייטל פון וואס מען גייט יעצט, זאל מען מער נישט קויפן, און מען זאל עס מער נישט אריינברענגען אין שטוב. אויף דעם איז יעדער בכח זיך אקעגן צושטעלן, און מאכן א גבול, נישט גיין ערגער פון וואס מען איז געגאנגען ביז יעצט.**

**ווען** די מענער גייען אהיים שבת פון א דרשה, דארפן זיי ארויסברענגען אין שטוב די חשיבות פון צניעות, די חשיבות פון כיסוי הראש. אמת טאקע אז עס איז שווער, מען וויל זיין צוגעפאסט צו אנדערע. אבער עס איז דא א גדר, עס איז דא א גבול וואס די תורה פארלאנגט פון אונז. ארויסברענגען די שיינקייט פון צניעות, די ערליכקייט וואס ליגט אין צניעות, די פראכט וואס צניעות האט אין זיך. ארויסברענגען דעם געוואלדיגען חשיבות וואס מען האט, ווי שווערער עס איז, לפום צערא אגרא (אבות ה-כג), דער אייבערשטער באצאלט שכר דערפאר. ארויסברענגען דעם געוואלדיגן זכות הרבים, ווען א יודישע טאכטער גייט אנגעטוהן אויף דער גאס מיט א געהעריג שייטל וואס איז צוגעפאסט על פי תורה. און פארקערט דעם חוב פון מחטיא את הרבים, **א יודישע טאכטער וואס גייט ארויס אויף דער גאס מיט א שייטל וואס מען טאר נישט גיין, ברענגט דאס אז איר חבר'טע גייט מארגן אויך אזוי ארויס, און די חבר'טע ברענגט אזוי צו די צווייטע חבר'טע, ווייל מען וויל נישט זיין אנדערש ווי די חבר'טע און די שכנ'טע ווי אזוי זי גייט. איין יודישע טאכטער וואס גייט ארויס אזוי אויף די גאס, קען חרוב מאכן א גאנצע געגנט, וואס אלע וועלן נאכטוהן ווי אזוי זי איז געגאנגען. און פארקערט אז מען גייט ערליך אנגעטון, גיט דאס דעם כח און די מוט אז אנדערע זאלן אויך גיין אין דעם זעלבן וועג. מען קען זיין א מחטיא את הרבים, און מען קען זיין א מזכה את הרבים.** און עס פארלאנגט זיך אין יעדע יודישע שטוב ארויסצוברענגען דעם געוואלדיגען חשיבות דערפון, דעם וועג פון צניעות, ווי אזוי מען דארף צו

גיין בכיסוי הראש, און אנדערע הלכות, חלקים פון צניעות. ארויסברענגען וואס מען איז גורם אמאל אז מען גייט נישט ארויס ווי עס דארף צו זיין, אז מען איז מחטיא מיט דעם את הרבים. און פארקערט, קען מען זיין א געוואלדיגע מזכה את הרבים.

**מען** רעדט דאך פון ערליכע שטובער וואס דארפן א תיקון. מען קען נישט בעטן טויש דיך אינגאנצן פון וואס דו ביזט געגאנגען ביז יעצט, ווארף אלעס אוועק. עס גייט נישט. אבער אזוי ווי מען געפונט אין די גמרא (שבת קה.) ביי דעם יצר הרע, אז היום אומר לו עשה כך, ער הייבט אן מיט א קליינינקייט, ומחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד וכו'. די זעלבע איז אין קדושה אויך, **מען קען נישט פארלאנגען קיין סאך, אבער יעדער קען פארלאנגען פון וועלכע סארט לאנגע שייטל דו גייסט, מאך עס אביסל קורצער, נעם אראפ א אינטש, צוויי אינטשעס, אנהייבן מיט עפעס. וועט זי קודם וויסן ביי זיך אליינס, אז עס דארף האבן א תיקון דער וועג ווי אזוי זי גייט. אז מען הייבט אהן מיט אביסל, האט מען אויסגעלערנט די שטוב, מען האט זיך אליינס אויסגעלערנט, אז די זאך דארף א תיקון, און עס איז נישט אויסגעהאלטן וואס מען טוט. און בעטן אז יעדער איינער ביי זיך אין שטוב, זאל עפעס מתקן זיין אין דעם ענין פון צניעות.** יעדער דבר קטן וואס מען טוט, טוט זיך מצרף זיין שפעטער פאר א דבר גדול, און אזוי מיט די צייט וועט זי באקומען דעם געפיל דערצו ווי אזוי מען דארף גיין אין א יודישע שטוב, וועט דאס פועל'ן אויך אויף שפעטער.

*

**מען** שטייט דאך פאר מתן תורה, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל (שמות יט-ג), רש"י זאגט כה תאמר לבית יעקב, אלו הנשים, ותגיד לבני ישראל גייט ארויף אויף די אנשים. עס איז דא א וועג ווי אזוי מען רעדט צו אנשים, און עס איז דא א וועג ווי אזוי מען רעדט צו נשים. דער אייבערשטער האט שוין געלערנט ביי מתן תורה, כה 'תאמר' לבית יעקב, צו נשים קען מען נישט רעדן דברים קשים כגידין, היינטיגע צייטן אודאי נישט. מען קען נישט אהיימקומען און קלאפן אויפן טיש ווי עס איז אמאל געווען, דו זאלסט גיין אזוי אנגעטון, און דו האסט נישט קיין ברירה. די שפראך האט זיך אויפגעהערט, מען קען נישט היינט אזוי רעדן. עס מוז זיין א געוויסע אמירה רכה, א געוויסע וועג אז יעדער זאל זיך קענען אראפלאזן צו זיין בני בית, צו וויסן ווי אזוי עס ארויסצוברענגען ביי איר, וויסען וועלכן חלק עס וועט איר אנרירן בשעת ער וועט רעדן. און ארויסברענגען דעם וועג וואס אונז שטרעב מיר צו גיין אזוי. כה 'תאמר' לבית יעקב, צו די בית יעקב קומט אן אמירה, און ותגיד לבני ישראל, צו בני ישראל קען מען רעדן שארפע ווערטער אויך, זיי קענען מקבל זיין שארפע ווערטער. אבער פאר נשים דארף מען רעדן מיט אן אמירה רכה, ווערטער וואס וועט אריינגיין אין זייער הארץ, און זיי וועלן עס פארשטיין.

**די** תורה איז מקדים דעם כה תאמר לבית יעקב, פאר ותגיד לבני ישראל. דער אייבערשטער וויל געבן די תורה פאר יודען, ביז ווילאנג ער האט נישט די נשים אז זיי זענען גרייט מיטצושטיין, איז נישט דא קיין מתן תורה. מען קען נישט אנהייבן ותגיד לבני ישראל, זאג פאר יודען איך וויל זיי געבן די תורה. ער וויל נעבעך מקבל זיין די תורה, זי איז נישט דערביי. און אויב זי איז נישט דערביי, קען ער נישט פירן קיין יודישע שטוב, און מחנך זיין די קינדער ווי אזוי מען זאל גיין בדרך התורה, דאס טוט נאר די מאמע אין שטוב. אויב די מאמע איז נישט דארטן, קען מען נישט איבערגעבן פאר די בני ישראל ווי אזוי מען זאל זיך פירן. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, בעפאר די גייסט פארלייגן די תורה פאר די יודען, כה תאמר לבית יעקב, מוזטו אפירנעמען קודם די בית יעקב, און רעד צו זיי אן אמירה רכה, ברענג זיי ארויס די שיינקייט פון תורה. ווען זיי וועלן געבן דעם אקע"ז אז זיי זענען גרייט מקבל צו זיין די תורה, דעמאלטס קענסטו גיין ותגיד לבני ישראל. אויב עס וועט פעלן דער כה תאמר לבית יעקב, איז נישט דא קיין ותגיד לבני ישראל. נשים פירן די שטוב, די ערליכקייט וואס איז דא אין די שטוב, אלעס וואס עס דארף צו זיין אין די שטוב. און דער אייבערשטער האט מקדים געווען דעם כה תאמר לבית יעקב, מען דארף ארויסברענגען פאר זיי זייער חשיבות און זייער ראלע וואס זיי פירן אין כלל ישראל, און אז זיי זענען די וואס לייגן אראפ די קומענדיגע דורות.

**יעדער** ווייסט וואס די גמרא (יומא מז.) זאגט ביי קמחית, אז זי האט זוכה געווען צו האבן זיבן זוהן

כהנים גדולים, און אלעס וועגן די האר, ווייל זי האט זיך אכטונג געגעבן, מימי לא ראו קורות ביתי קלעי שערי, זעהט מען דעם געוואלדיגן כח וואס עס ליגט אין צניעות. וועלכע מאמע וויל נישט האבן קינדער כהנים גדולים, וועלכע מאמע פלאגט זיך נישט אויף דעם אז זי זאל האבן ערליכע קינדער. און אמאל איז דא, וואס זי אליין פארדארבט עס. אז עס פעלט ביי איר די צניעות, עס פעלט דער חלק ווי אזוי די שערות הראש זענען, הרג'עט מען אפ די אייגענע קינדער. מען פלאגט זיך אזויפיל פאר זיי, און מיט א קלייניגקייט טוט מען דאס אוועקנעמען. מען דארף ארויסברענגען אין שטוב צו וויסן די געוואלדיגע חשיבות פון צניעות, ווי ווייט דאס איז פועל אין איר שטוב. אז זי וויל האבן ערליכע דורות, ערליכע קינדער, דארף זיין א ערליכע שטוב. והיה מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר (דברים כג-טו), וואו עס איז דא ערות דבר, איז נישט מחניך קדוש. כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך, עס איז נישט דא קיין השראת השכינה אין די שטוב. און אז דאס פעלט, פעלט אלעס.

**מען** רעדט דאך צו חכמי ישראל, דער אייבערשטער האט זיי געגעבן די זכיה אז זיי קענען אויפהייבן דעם כלל ישראל, דעם שבת האט מען קובע געווען אז עס זאל ארויסגיין א קול אין די גאנצע שטאט אז מען האט גערעדט פון דעם נושא. עס איז דאך נישט דאס ערשטע מאל וואס מען טוט אזא זאך, מען האט דאס געטוהן פארגאנגענעם יאר, עס האט אויפגעטוהן גדולות ונצורות. עס האט געהאט א אפקלאנג אין די גאנצע וועלט, נישט נאר אין מאנסי אליין, וואס מען האט אויפגעטון. אז עס וועט דא זיין א געוואלדיגער איחוד פון אלע צוזאמען, וועט זיך אפרופן די זכות של הרבים נישט נאר אויף מאנסי אליין, עס וועט זיך אפרופן אין גאנץ ניו יארק, און אין די גאנצע וועלט וועט דאס אריבערגיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן די ריכטיגע דיבורים אין מויל, אז מען זאל קענען רעדן, דער באשעפער זאל געבן אז די דיבורים זאלן נושא חן זיין. מען רעדט דאך פון תלמידי חכמים וואס איז דאך דברים היוצאים מן הלב, האבן מיר בקבלה אז דאס איז נכנסים אל הלב, ערגעץ רירט דאס אהן אינעם הארץ. אמאל רירט דאס אהן הונדערט פראצענט, אמאל רירט עס נאר אהן צען פראצענט, אבער עס איז נכנסים אל הלב, עס גייט אריין אינעם הארץ. מען זאל קענען אויפטוהן להגדיל תורה ולהאדירה.

**און** דער זכות פון דעם אליין וואס מען קומט זיך צוזאם ארויפצוברענגען דעם כח התורה, וועט דער אייבערשטער געבן מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה דעם יום טוב, און אלע השפעות וואס די תורה ברענגט מיט זיך מיט. מען האט געליינט די פאריגע וואך אין די פרשה, אם בחוקתי תלכו ואת מצותי תשמורו, איז אויסגערעכנט אין די תורה אלע ברכות, זאל מען זוכה זיין צו די אלע ברכות. מען זאל קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע שטובער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אנטקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **דוד כ"ץ הי"ו**, שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**אין** סוף פון די פרשה די וואך (במדבר ד-יח), האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה מיט אהרן, אל תכריתו את שבט משפחות הקהתי מתוך הלוים, איר זאל נישט גורם זיין אז עס זאל ווערן אוועקגעשניטן די משפחה פון קהת פון די לוים, וזאת עשו להם, דאס זאלט איר טון, וחיו ולא ימותו, אז זיי זאלן קענען לעבן, און זיי זאלן נישט שטארבען, בגשתם את קדש הקדשים, ווען זיי קומען נאנט צום קדש הקדשים. אהרן ובניו יבואו, קודם זאל קומען אהרן מיט די קינדער, ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו, יעדער זאל טון זיין ארבעט, ולא יבואו לראות כבלע את הקודש ומתו, מען זאל נישט זעהן ווי אזוי מען טוט איינפאקען די כלים וואס איז געווען אין משכן, וואס בשעת די מסעות האט מען עס צוגעדעקט, מען האט נישט געטארט זעהן בשעת מען איז מבלע את הקודש. ווען אלעס איז שוין געווען צוגעגרייט, דערמאלטס זענען די לוים געקומען, און זיי האבן גענומען די כלים, און עס געטראגען ווייטער.

**מען** זיצט בי א סעודת ברית מילה, עס איז שוין נאכמיטאג. געווענליך מאכט מען א ברית אינדערפרי,

זריזין מקדימים למצות (פסחים ד.). די וועלט פארציילט פון **רבי לייבל'ע איגר**, ער איז געווען א אייניקל פון **רבי עקיבא איגר**, און ער איז שפעטער געווארן א חסיד, און נאכדעם א רבי פון חסידים. און ער פלעגט זייער מאריך זיין ביים דאווענען, אז ווען ער האט געענדיגט דאווענען איז שוין געווען נאך חצות. און ווען עס איז אויסגעקומען אז מען האט אים מכבד געווען צו זיין סנדק, איז די ברית געווען שפעט נאכמיטאג. ער האט געוואוינט אין קראקא, און עס זענען געווען דארט תלמידי חכמים וואס האבן נישט געקענט צוקוקען אז מען שטופט אפ א ברית אזוי שפעט. און זיי האבן ארויסגעגעבן א קול קורא אונטערגעשריבען פון חכמי ישראל, אז מען טאר אים ניש מכבד זיין מיט סנדקאות, אויב ער מאכט דעם ברית נאך חצות, ווייל זריזין מקדימין למצוות.

**האבען** זיך די חסידים אנגענומען פאר רבי לייבל'ע, און זיי האבן צוזאמגענומען בריוון פון גדולי ישראל אויף פארקערט, אז עס איז דא א ענין מען זאל אים מכבד זיין מיט סנדקאות אפילו די ברית איז שפעט, אז מען זאל האבן די זכיה אז א צדיק זאל זיין דער סנדק, זאל מען מאכען די ברית נאכמיטאג. פון **רבי שמעון סופר**, דער **קראקער רב**, איז דא צוויי בריוו'ן געדרוקט אין **אגרת סופרים** (מכתב כ"ג), איין בריוו וואס ער האט געשריבען פאר די שטאט, אז מען זאל אים ווייטער מכבד זיין צו זיין סנדק. און איין בריוו פריוואט פאר אים, און דארט שרייבט ער פארקערט אז ער זאל זיך זעהן צוצויילן, און ער זאל נישט מאכען די ברית שפעט.

**זיי** האבן ארויסגעברענגט אין דעם בריוו, אז זריזין מקדימין למצוות איז טאקע א גרויסע ענין, אבער א מצוה בהידור האט א חשיבות. כדי מען זאל קענען האבן אזא ערליכען סנדק ווי דער רבי לייבל'ע, איז כדאי אז מען זאל אים מכבד זיין מיט סנדקאות, אפילו מען פארקוקט אויף זריזין מקדימין למצוות. עס שטייט אין **דרכי משה** (הל' מילה יו"ד סימן רס"ד סק"ג), אז מען זאל מדקדק זיין צו נעמען א ערליכען סנדק, כדי אליהו זאל וועלן זיצען נעבן אים. [אזוי איז דער לשון, עס איז א דרכי משה, נישט א חסידישע תורה]. אליהו קומט דאך צו יעדן ברית, זעהט אויס אז נישט איבעראל וויל ער זיך אראפזעצן, ער קומט און גייט, אבער אז ער האט א ערליכען סנדק זעצט זיך אליהו אראפ. די זעלבע שטייט אויף א מוהל, אז מען זאל זוכען א ערליכען מוהל, ווער עס ברענגט אריין בבריתו של אברהם אבינו, לאזט עס איבער א רושם אויפן קינד.

**איך** מיין אז עס שטייט אין די תולדות פון **רבי הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע**, אז מען האט אמאל געזעהן אז רבי הירצקא'לע האט זיך שטארק מסגף געווען. און מען האט אים געפרעגט וואס דאס איז. האט ער געזאגט, ווען דו וואלסט געוואוסט ווער מיין מוהל איז געווען, וואלסטו מיך נישט געפרעגט די קשיא. זעהט אויס, אז ער האט געהאט א שוואכע מוהל, און ער האט תולה געווען, אז דאס וואס ער דארף זיך אזויפיל פלאגען אין עבודת ה', האט צוטון ווייל דער וואס האט אים אריינגעברענגט בבריתו של אברהם אבינו איז נישט געווען אזוי בשלימות.

**מען** זאגט נאך אויפן **סאטמארער רב זי"ע**, אז דער **ריסקווער רב** האט אים אמאל געזאגט, אז דער רבי נעמט צו אלע סנדקאות'ער פון אונז. אזוי וואלט מען אונז אויך מכבד געווען, און יעצט גיט מען אלעס פארן רבי'ן. האט דער סאטמארער רב זיך אנגערופן, אז דער **ישמח משה** האט געזאגט, אז ער דערקענט יעדען קינד וואס ער איז געווען סנדק. ווי איינער זאגט, אז עס לאזט איבער א רושם אויפן קינד. - איז דאך א ענין, אז די אלע וואס טוען צוברענגען דאס קינד צום בריתו של אברהם אבינו, עס איז די ערשטע קדושה וואס מען לייגט ארויף אויפן קינד, אז דאס קינד זאל זיך קענען פירן ערליך, אז עס זאל זיין א ערליכער מוהל מיט א ערליכער סנדק, וואס זאלן אים אריינברענגען בבריתו של אברהם אבינו.

**ליכא** מידי דלא רמיזי באורייתא, אין די תורה ליגט אלעס. ברית מילה ווערט אנגערופן 'זאת'. אזוי שטייט אין מדרש (ויק"ר כא-ו) בזאת יבא אהרן אל הקודש (ויקרא טז-ג), ער איז אריינגעקומען אין זכות פון מצות מילה, וואס ווערט אנגערופן זאת, זאת בריתי (ישעיה נט-כא). זאגט דער פסוק, 'ו'זאת' עשו להם', זעהטס אריינצוברענגען דאס קינד אין מצות מילה, אז 'וחיו', מען זאל קענען בלייבען שטענדיג מיט א חיות דקדושה, 'ולא ימותו'. אז מען פירט זיך ערליך איז עס א בחינה פון 'חי', און אז מען פירט זיך נישט ערליך איז מען אין א בחינה פון 'מת'. וזאת עשו להם, ברענגטס אזוי אריין בבריתו של אברהם

אבינו, וחיו ולא ימותו, אז זיי זאלן קענען בלייבען לעבן, ולא ימותו. וואס איז דער עצה, 'בגשתם את קודש הקדשים', בשעת מען קומט צו צו די הייליגסטע זמן וואס א קינד האט, מען איז אים מכניס בברית קודש, 'אהרן ובניו יבואו', ברענג אהרן, מיט די בני אהרן, ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו, יעדער זאל טון וואס ער האט צו טון, דעמאלטס 'ולא יבואו לראות כבלע את הקודש', וועט מען נישט דארפן צוקומען שפעטער צו זעהן ווי ח"ו די קדושה וואס מען האט אריינגעלייגט אין דעם קינד איז כבלע את הקודש ומתו. אז עס וועט זיין אהרן ובניו יבואו ווען עס איז בגשתם את קודש הקדשים, וועט זיין וזאת עשו להם וחיו ולא ימותו.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ז סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה (ויקרא כו-ג), אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, שטייט שפעטער די ברכות וואס דער אייבערשטער וועט געבן, ונתתי גשמיכם בעתם, און אזוי ווייטער. רש"י שטעלט זיך, אז מען זאגט שוין ואת מצותי תשמרו, איז דאך אלע מצות נכלל דערין, וואס האט דער אייבערשטער צוגעגעבן, אם בחוקותי תלכו, אז עטץ וועטס גיין אין מיינע חוקים. אין די גמרא (ביצה טז.) שטייט, אז חוק האט אויך נאך א טייטש. דאס עסן פונעם מענטש, ווערט אויך אנגערופן חוק. כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה עד ראש השנה, ווייל עס שטייט (תהלים פא-ד) תקעו בחודש שופר, כי חק לישראל הוא. חוק איז א לישנא דמזוני, חוק איז א לשון פון עסן, מען געפונט א פסוק (בראשית מז-כב) ואכלו את חוקם. קומט אויס אז חוק האט צוויי טייטשען. חוק איז א געזעץ, און חוק איז טייטש פרנסה. מען געפונט אסאך מאל אין לשון קודש אז איין ווארט האט מערערע טייטשען, אבער אז עס איז אין לשון הקודש, האט יעדע דבר שבקדושה א קשר איינס מיטן אנדערן. וואס איז דער שילוב אז חוק ווערט אנגערופן א געזעץ, און מזונות רופט מען אויך אן מיטן זעלבן נאמען חוק.

**נאכדעם** געפונט מען, אז חוק איז א זאך אין די תורה וואס מען ווייסט נישט א טעם דערויף. דאס וואס מען ווייסט א הסבר, דאס ווערט אנגערופן משפט, אבער א זאך וואס די תורה האט געגעבן, און אונז ווייס מיר נישט דעם טעם דערפון, איז א חוק. כלאים איז א חוק, שעטנז איז א חוק, מען ווייסט נישט קיין הסבר. שלמה המלך איז געווען דער חכם מכל אדם, און שלמה המלך האט געזאגט (קהלת ז-כג), אמרתי אחכמה, אלע חוקים אין די תורה האב איך פארשטאנען דעם טעם. ער איז געווען אזוי טיף אין חכמה, אז ער האט עס משיג געווען. אבער ווען עס איז געקומען צו פרה אדומה, והיא רחוקה ממנו, דעם חוק האט ער נישט פארשטאנען. אלעס האט ער פארשטאנען, ביז פרה אדומה (במדב"ר יט-ג). דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן פאר שלמה המלך אזויפיל חכמה, ער האט אים נישט געקענט אריינגעגעבן נאך אביסל חכמה אז ער זאל אויך פארשטיין דעם טעם פון פרה אדומה?! פארוואס האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט א חוק וואס ער זאל נישט פארשטיין.

**עס** שטייט אין **בני יששכר** (כסלו ד-סא), מען זאגט אין די הייליגע טעג, באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט, וצדקנו במשפט המלך המשפט. ברענגט ער צו א ווארט פון זיין פעטער דער **רבי ר' זושא**, א ברודער פונעם **רבי ר' אלימלך**. דער אייבערשטער האט געגעבן אין די תורה משפטים וואס מען פארשטייט, און חוקים וואס מען פארשטייט נישט. דער אייבערשטער האט דאך געקענט געבן אז מען זאל פארשטיין די גאנצע תורה. חוקים האט דאך אויך א הסבר, נאר מיר זענען נישט משיג דעם הסבר דערפון. פארוואס האט אונז דער אייבערשטער געגעבן אזעלכע מצות, וואס אונז זאל מיר נישט פארשטיין די טעם.

**זאגט** דער רבי ר' זושא, יעדע זאך וואס א יוד פירט זיך דא אונטען, איז ער מעורר די מדה אויבן אין הימל (זוה"ק ח"ג לא:). ווען א יוד טוט א מצוה וואס ער פארשטייט, איז ער מעורר אין הימל אז מען זאל זיך אויך פירן אין הימל מיט זאכען וואס עס איז פארשטענדליך. טאמער טוט ער א מצוה וואס איז א חוק, אומפארשטענדליך, ברענגט ער די מדה אויבן אין הימל, אז אפילו א זאך וואס איז אומפארשטענדליך, זאל אויך דער אייבערשטער טון.

און ער איז עס מסביר. מלך במשפט יעמיד ארץ (משלי כט-ד), דער אייבערשטער פירט זיך אין הימל, אזוי ווי א מלך דא. מען דארף האבן מקטריגים, און מען דארף האבן פרקליטים, און מען קען נישט ארויסגעבן א פסק, נאר ווען עס איז אויסגעהאלטן אז יעדער פארשטייט עס. טאמער עס איז דא מקטריגים אויבן אין הימל, און עס איז נישט דא קיין מליץ יושר דערקעגן, האט נישט דער אייבערשטער קיין ברירה, מלך במשפט יעמיד ארץ, ער מוז זיך צושטעלן לויטן סדר המשפט. ווען יודען טוען מצות וואס זענען חוקים, זאגט דער אייבערשטער, איך וויל משפיע זיין פאר יודען גוטס, איי עס איז נישט פארשטענדליך פארוואס עס קומט זיך זיי, אבער יודען טוען אויך זאכען וואס איז נישט פארשטענדליך, זיי זענען מקיים חוקים, טוה איך אויך זאכען אפילו עס איז נישט פארשטענדליך פארוואס איך טוה עס, איך וויל אזוי טון. קומט אויס, אז דורכדעם וואס א יוד איז מקיים א חוק, ברענגט ער צו דערצו, אז דער אייבערשטער זאל קענען משפיע זיין טובות פאר א מענטש אויף די וועלט, אן דעם וואס ער זאל עס דארפן מסביר זיין. אז א יוד טוט א זאך וואס ער פארשטייט נישט, טוט זיך דער אייבערשטער אויך פירן מיט אים אויף דעם זעלבן וועג.

**זאגט** דער רבי ר' זושא, וועגן דעם בלאזט מען שופר ראש השנה, תקיעה שברים תרועה. שופר איז דאך א חוק, אונז טוה מיר א זאך וואס אונז פארשטיי מיר נישט וואס דאס איז, ווייל דעם טאג שרייבט דאך דער אייבערשטער פרנסה אויף א גאנץ יאר, און אז אונז טוה מיר א זאך וואס איז אומפארשטענדליך, איז אפילו עס זאל זיין אויבן אין הימל מקטריגים, זאגט דער אייבערשטער, עס איז נישט פארשטענדליך וואס איך טוה? מען מוז נישט פארשטיין. יודען טוען אויך זאכען וואס מען פארשטייט נישט. תקעו בחדש שופר, מען זאל בלאזען שופר ראש השנה, כי חוק לישראל הוא, ווייל דאס איז א חוק, און דורך דעם איז משפט לאלקי יעקב, וואס דער אייבערשטער וועט טון, וועט זיין במשפט, עס איז שוין אויסגעהאלטן. ווען דער אייבערשטער טוט א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן, איז דאך עס נישט קיין משפט. אבער אז א יוד טוט זאכען וואס איז נישט אויסגעהאלטן מיטן שכל, און דער אייבערשטער פירט זיך אויפן זעלבן וועג ווי אזוי אונז פיר מיר זיך, איז דאס וואס דער אייבערשטער טוט אומפארשטענדליך אויך געווארן א משפט.

**גיט** צו דער בני יששכר, 'באין מליץ יושר מול מגיד פשע', אויב עס איז נישט דא קיין מליץ יושר, עס איז נאר דא א מגיד פשע, עס איז נאר דא מקטריגים. 'תגיד', זאל דער אייבערשטער זאגען, אז 'ליעקב דבר חוק ומשפט', יודען זענען נישט נאר מקיים א זאך וואס איז משפט, יודען זענען מקיים א זאך וואס איז א חוק אויך, און דורכדעם 'וצדקנו במשפט', וועט אונז דער אייבערשטער מצדיק זיין ביים משפט.

**ווען** שלמה המלך וואלט פארשטאנען אלע חוקים, קומט אויס, אז ווען שלמה המלך וואלט געווען אין א עת צרה, וואס דער אייבערשטער דארף אים העלפן, און עס איז נישט פארשטענדליך פארוואס דער אייבערשטער זאל אים העלפן. אויב ער פארשטייט אלעס, טוט ער דאך נישט קיין חוקים, און אז ער טוט נישט קיין חוק, וואלט דאך נישט געבליבען ווי אזוי דער אייבערשטער זאל קענען אויסנוצען דעם תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט. האט דער אייבערשטער אים געגעבן שכל ער זאל קענען פארשטיין אלע חוקים, אבער ער האט אים איבערגעלאזט איין חוק וואס די מצוה האט ער געטון אן א הסבר, איך וויס נישט פארוואס איך טוה עס, און דורכדעם האט ער גורם געווען, אז דער אייבערשטער וועט זיך אויך קענען באנוצען ביי אים אויף א געוויסע זאך וואס איז אומפארשטענדליך, ווייל ער איז אויך מקיים חוקים. האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט איין חוק וואס שלמה המלך האט אויך נישט פארשטאנען.

**קומט** דאך אויס, אז יעדער חוק וואס א יוד איז מקיים, ער טוט א זאך וואס ער ווייסט נישט קיין טעם, נאר ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסען, איז ער גורם אז ווען דער אייבערשטער וויל משפיע זיין פרנסה, און עס קומט זיך אים נישט, זאל דער אייבערשטער אים קענען געבן. ער טוט זאכען וואס איז אומפארשטענדליך, טוט דער אייבערשטער אויך די זעלבע. וועגן דעם איז 'חוק' סיי א לשון פון א חוק, און חוק איז אויך א לישנא דמזוני, ווייל דורך דעם וואס א יוד איז מקיים דעם חוק, א זאך וואס איז אומפארשטענדליך, דורך דעם טוט דער אייבערשטער אים געבן מזוני.

**אם** בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו, אז מען וועט אפהיטן די מצות התורה, וועלן נאך אלץ זיין מקטריגים, אז מיר זענען נאך אלץ נישט ראוי פאר די ברכות וואס עס שטייט. אבער אם בחוקותי תלכו, אז יודען וועלן האלטן חוקים אויך, וואס די חוקים זענען בלי טעם, וועט זיך דער אייבערשטער אויך קענען באנוצן מיט דעם, אז ער טוט אויך א חוק, ער גיט פאר יודען אפילו עס איז נישט פארשטענדליך, און דורך דעם וועט קענען זיין ונתתי גשמיכם בעתם, מיר זאלן קענען האבן אלעס וואס מיר דארף האבן.

*

*יום שני פרשת במדבר*

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **דוד חיים** (ב"ר ישראל) **וויינגארטען** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען האט אים אריינגעברענגט לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי זאל ער אריינקומען שפעטער לתורה. עס שטייט שוין דער הסבר, אז עס שטייט אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים) אז א גר האט זיך מגייר געווען, און דער מלך האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער האט זיך מגייר געווען. האט ער געזאגט, אז ער האט געוואלט קענען די יודישע תורה. האט ער אים געפרעגט, פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, ווייל טאמער מען מל'ט זיך נישט, קען מען נישט פארשטיין תורה. מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי (תהלים קמז-יט). מגיד דבריו ליעקב, צו איינעם וואס איז נימול אזוי ווי יעקב, פאר אים איז מגיד דבריו, לא עשה כן לכל גוי. און כדי ער זאל פארשטיין די תורה, האט ער זיך געמוזט מל'ן.

**וואס** איז דער קשר, אז ווען מען מל'ט זיך, פארשטייט מען תורה. - און מען זעהט אז א יוד פארשטייט תורה, און א גוי פארשטייט נישט. ער קען זיין א געלערנטער גוי, ער זאל קענען פארשטיין די עמקות פון תורה, און עס גייט אים נישט אריין אין קאפ. וואס איז די נקודה, אז א יוד פארשטייט תורה, און א גוי פארשטייט נישט. - און אפילו ביי יודען אליין זעהט מען, אז נשים האבן נישט דעם כח אז זיי זאלן קענען פארשטיין די עמקות פון תורה, פארוואס איז עס אזוי אויסגעשטעלט.

**די** וואך אין די פרשה געפונט מען, אז מען האט געציילט יודען, און די מספר פון יודען איז געווען ששים רבוא יודען, מיט נאך א פרוטרוט, נאך א חלק דערפון. אבער על כל פנים די נשמות פון יודען זענען ששים רבוא נשמות, און אין די תורה איז אויך דא ששים רבוא אותיות לתורה. אין אונזערע ספרי תורה איז נישט דא אזויפיל, אבער עס איז דא א חשבון ווי אזוי עס ווערט אויסגערעכנט די ששים רבוא אותיות לתורה. יעדע נשמה איז מקושר צו די תורה. יעדע נשמה האט א חיות אין די תורה, דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט אז אזויפיל נשמות איז דא אין כלל ישראל, וויפיל אותיות עס איז דא אין די תורה. און אזוי ווי א יוד האט א נשמה וואס איז א חלק פון די תורה, האט ער א קשר צו די תורה, און ער קען פארשטיין תורת אלקים. א גוי וואס האט נישט אין זיך א נשמה, האט ער נישט אין זיך א אות אין די תורה, האט ער נישט א קשר צו די תורה, פארשטייט ער נישט קיין תורה. דאס וואס א יוד פארשטייט תורה, איז ווייל דער אייבערשטער האט געלייגט נשמות ישראל אז זיי זענען מכוון, אז ער האט א אות אין די תורה. און אז ער איז א חלק פון די תורה, קען ער פארשטיין תורה.

**ווען** באקומט א יוד די נשמה, ער זאל זיין מחובר, און באקומען א אות אין די תורה? עס קען זיין, אז דאס נעמט זיך בשעת מען מל'ט דאס קינד, און מען ברענגט אים אריין בבריתו של אברהם אבינו. די תורה ווערט אויך אנגערופן ברית, דעמאלטס באקומט ער א אות אין די תורה, און ער ווערט מקושר, און ער האט א שייכות צו די תורה. ביי נשים איז נישט דא די מצוה פון מילה, כאטש אשה כמאן דמהילא דמיא (עבודה זרה כז.), אבער סוף כל סוף פעלט די קדושה פון מילה. האבן זיי נישט קיין קשר אין די תורה, און ממילא קענען זיי נישט פארשטיין תורה. מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל, ווען איינער איז נימול, ער ווערט נכנס לברית, גייט

ער אויך אריין אין ברית פון תורה, און ער באקומט א אות אין די תורה, און דעמאלטס הייבט ער אן צו פארשטיין תורה הק'. א גוי וואס איז נישט גע'מל'ט, קען עס נישט פארשטיין.

**וואונטשט** מען אן, כשם שנכנס לברית, יעצט ווען ער גייט אריין לברית, איז דאך עס נישט נאר ברית פון תורה, עס איז אויך ומלתם את ערלת לבבכם, א מענטש האט א פארשטאפט הארץ, ער קען נישט פארשטיין תורה, אבער אז מען מל'ט זיך, נעמט עס אוועק דעם ערלת לבבכם, און ער באקומט א קשר צו די תורה. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי מען האט אים אריינגעברענגט לברית, און ער האט באקומען א אות אין די תורה, כן יכנס לתורה, זאל ער קענען ווייטער אויך שטייגען אין תורה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק, שהתקיים באולם לעגאסי. אחר שנשמעו דברים מאת **הגה"צ דומ"ץ דקהלתנו בב"פ שליט"א**, ומאת הנואם הכבוד **הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א** (בן הגה"צ גאב"ד אנטווערפן שליט"א), השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די עלטערן און די זיידעס פון די קינדער וואס ווערן נתחנך ביי אונז אין די מוסדות, דער באשעפער זאל געבן, אז זיי זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. איך וועל מיך פאררופן אויף די פריערדיגע ווערטער וואס מען האט געהערט פונעם חשובען נואם הכבוד פה מפיק מרגליות הרב מרדכי שיף שליט"א, שפתים יושק, יעדעס ווארט וואס ער האט ארויסגעברענגט. דער באשעפער זאל אים געבן, ער זאל קענען ווייטער אויך מרחיב זיין די גבולי הקדושה. ער האט פארציילט א מעשה מיט א מלמד וואס האט געהאט א אייגען קינד אין חדר, און ער האט געהאט די אנדערע קינדער. האט ער געזאגט, אז ער קען נישט מאכען זיין קינד אויס קינד, אבער ער קען מאכען אז די איבריגע קינדער זאלן זיין ווי זיינע קינדער.

**עס** שטייט אין מדרש (שהש"ר א-סד), אז ווען יודען זענען געווען אין מצרים, און זיי האבען זיך פארמערט, עס איז געווען כן ירבה וכן יפרוץ, שהיו יולדות ששה בכרס אחד (רש"י שמות א-ז). זאגט דער מדרש, ילדה אשה אחת במצרים ששים רבוא, עס איז געווען א פאל וואס איין יודענע אין מצרים האט געבוירן ששים רבוא קינדער. ווער איז דאס געווען? יוכבד. יוכבד איז געווען די מאמע פון משה רבינו, און משה רבינו איז שקול אקעגן דעם גאנצן כלל ישראל. קומט אויס, אז משה רבינו איז ששים רבוא, און יוכבד איז געווען די מאמע פון די ששים רבוא. משה איז טאקע געווען שקול אקעגן ששים רבוא, אבער ער איז נאר געווען 'שקול' אקעגן ששים רבוא, און מען זאגט אז עס איז געווען אשה אחת במצרים, וואס האט 'געבוירן' ששים רבוא. זי האט נאר געבוירן דאס קינד, משה, נאר דאס קינד איז געווען שקול כנגד ששים רבוא. און מען זאגט, אז עס איז געווען ילדה, ווי זי האט געבוירן ששים רבוא.

**נאר** מען געפונט די וואך אין די פרשה (במדבר ג-א) אז די תורה זאגט ואלה תולדות אהרן ומשה, און ער רעכנט אויס די קינדער פון אהרן, נדב ואביהוא אלעזר ואיתמר. און דער פסוק זאגט, אז דאס איז די תולדות פון אהרן מיט משה. רש"י שטעלט זיך, אז דאס איז נאר די תולדות פון אהרן, זיי זענען אהרן'ס קינדער, אבער נישט קיין תולדות פון משה. משה רבינו'ס קינדער זענען נישט אויסגערעכנט דא אין די פרשה. זאגט רש"י, אזוי ווי די קינדער פון אהרן, אלעזר און איתמר, האבן געלערנט תורה ביי משה רבינו. כל המלמד את בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו (סנהדרין יט:), אז מען לערנט תורה מיט יענעמס קינד, טוט די תורה באטראכטען כאילו עס איז דיין קינד. משה רבינו האט געלערנט די תורה וואס ער האט מקבל געווען מפי הגבורה, מיט די קינדער פון אהרן, זענען אהרן'ס קינדער געווען גערעכנט ווי זיינע קינדער.

**עס** קען אבער זיין. דער פסוק הייבט אן ו'אלה תולדות אהרן ומשה, אמאל איז דער פסוק נדרש אויף לאחריו, און אמאל איז עס נדרש אויף לפניו. פאר דעם איז אויסגערעכנט אין די תורה אז מען

האט געצײלט יודען. מען האט געצײלט כלל ישראל, און מען האט געצײלט שבט לוי עקסטער. און די תורה זאגט פונקטליך וויפיל עס איז געווען די מספר פון די לוים, און כלל ישראל. און אויף דעם שטייט נאכדעם אין פסוק, ואלה תולדות אהרן ומשה. עס קען זיין אז עס איז נישט נאר מקרא נדרש אויף אראפ, נאר עס איז אויך נדרש אויף לפניו. אז משה רבינו האט געלערנט תורה מיט אלע ששים רבוא יודען וואס זענען געווען אין מדבר, זענען אלע געווען תלמידים פון משה רבינו. נישט נאר די קינדער פון אהרן זענען געווען די תולדות פון משה, אלה תולדות אהרן ומשה, די קינדער פון אהרן זענען געווען זיינע תולדות, נאר די תורה זאגט, ו'אלה, די אלע וואס איז אויסגערעכנט דא, פון אנפאנג פרשת במדבר, ביז אהער. ואלה, די אלע זענען תולדות אהרן ומשה ביום דבר ה' את משה בהר סיני. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה ביים בארג סיני, און משה מיט אהרן זענען געווען די רבי'ס פונעם כלל ישראל, זענען אלע געווארן תולדות פון אהרן און משה.

**קומט** דאך אויס, אז משה רבינו האט געלערנט תורה מיט ששים רבוא יודען, האט ער געהאט ששים רבוא קינדער. און אז בני בנים הרי הם כבנים (יבמות סב:), איז ילדה אשה אחת במצרים ששים רבוא, זי האט געהאט זעקס הונדערט טויזנט קינדער. נישט זי האט געהאט איין קינד וואס איז 'שקול' כנגד ששים רבוא, נאר ואלה תולדות אהרן ומשה, גאנץ כלל ישראל זענען די תולדות פון אהרן ומשה, און דאס איז געווען כאלו ילדו, עס ווערט גערעכנט אלעס פאר זיינע קינדער.

*

**די** וועלט זאגט, אז עס איז נישט נאר א מליצה, אז מען זאגט כל המלמד את בן חבירו תורה, איז מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו, אז די תורה גיט אים די שכר, צו ווי אזוי מען זאל עס אפטייטשן, אז מען איז מעלה כאילו עס איז זיין קינד. ווען א רבי לערנט תורה מיט קינדער, דארף ער לערנען מיט יעדן קינד, כאילו עס וואלט טאקע געווען זיין אייגען קינד. ווען מען האט א אייגען קינד, מוטשעט מען זיך מיט דעם קינד, און מען גיט קיינמאל נישט אויף. קען ער לערנען ווייניג, לערנט ער מיט אים ווייניג. קען ער לערנען מער, איז ספי ליה כתורא (בבא בתרא כא.). עס איז נישט דא אזא זאך אז א טאטע זאל אויפגעבן אויף א קינד, און ער זאל נישט פראבירן אים ארויפצובערענגען וויפיל ער קען. אזוי אויך, די חשיבות פון מרביצי תורה און מלמדי תורה וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער איז, ווען זיי האבן א קינד ביי זיך אין קלאס, און עס איז מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו, ער גיט זיך איבער פארן קינד, אזוי ווי עס וואלט געווען זיין קינד. ווען דאס וואלט געווען מיין קינד, מיט די אלע פראבלעמען וואס דאס קינד האט, וואס וואלט איך געטון, ווי אזוי וואלט איך זיך אפגעגעבן מיט אים, וויפיל צייט וואלט איך אוועקגעגעבן פאר אים, דעמאלטס קען מען לערנען תורה מיט אנדערע.

**און** איך וויל עס ארויסברענגען בשבחם פון די חשובע מרביצי תורה וואס זיצען דא, וואס געבן זיך אוועק בלב ובנפש ארויפצוברענגען די תלמידים אז זיי זאלן שטייגען, עס איז א בחינה פון כאילו ילדו. סיי וואס איז נוגע אין די תלמוד תורה, און סיי אין די מיידל שולע. אין די תלמוד תורה איז עס בעיקר אויף לימוד התורה, וואס מען דארף זיך אוועקגעבן פאר די קינדער. אין א מיידל שולע איז נישט אזוי ווייט די לימוד התורה, נאר ארויפצוברענגען ערליכע יודישע מאמעס, מיט גוטע מדות, מיט צניעות, מיט אלעס וואס פעלט אויס. און עס ווערט אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות אין יעדן קינד, אז זיי זאלן קענען שטייגען ווי עס דארף צו זיין.

**די** תורה אין די פרשה רעכנט אויס די מספר פון אלע יודען, די תורה האט געהייסען ציילען יעדן יוד עקסטער. מיר זענען נישט א כלל ישראל, נאר יעדער יוד איז א עקסטערע דיאמאנט ביים אייבערשטען. אזוי ווי דער אייבערשטער טוט מונה זיין די שטערנס, אזוי האט דער אייבערשטער געהייסען ציילען יעדן יוד עקסטער (רש"י שמות א-א). עס איז נישט דא קיין צווייטע קלאס יוד, עס איז נישט דא קיין דריטע קלאס יוד, יעדער איינער איז די זעלבע חשוב, די אלע ששים רבוא זענען אייניג. אזוי ווי עס איז דא ששים רבוא ישראל, איז דא ששים רבוא אותיות לתורה, אין די תורה איז אויך דא ששים רבוא אותיות, און יעדער יוד האט א אות אין די תורה. און אזוי ווי ווען אין די תורה זאל פעלן איין אות, איז די גאנצע ספר תורה פסול, אזוי דארף מען אנקוקען יעדן יוד. יעדער יוד פאר זיך איז א

עקסטערע אות אין די תורה, ער איז א חלק פונעם כלל ישראל, און מען קען אים נישט ארויסלאזן.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר ע-ט), אז ווען עס וואלט געפעלט איין יוד פון די ששים רבוא יודען, וואס וואלט נישט געווען ביי מתן תורה, וואלט דער אייבערשטער נישט געקענט געבן די תורה פאר יודען. כדי מען זאל קענען געבן די תורה, קען נישט ארויסגעלאזט ווערן קיין איין יודיש קינד פונעם כלל ישראל. האט די תורה געציילט עקסטער דעם כלל ישראל, און עקסטער די לוים, כדי צו ווייזען די חשיבות פון יעדן יוד עקסטער.

*

**די** היינטיגע מסיבה איז לעילוי נשמת רבי מאיר עקשטיין ע"ה. דער דיין האט שוין פריער ארויסגעברענגט די געוואלדיגע אהבת חסד און אהבת תורה וואס ער האט געהאט. וואס ער איז געווען א ירא שמים מרבים, ער האט מורא געהאט פאר א עבירה, געזוכט צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. ביי יעדע זאך איז געווען יראת ה' על פניו לבלתי תחטא, צו טון א זאך וואס איז אויסגעהאלטן. זיין אמונת חכמים, זיין צוגעבינדענקייט צו תלמידי חכמים, צו גדולי ישראל, איז געווען א מוסטער זיך ארפצולערנען. די הכנעה וואס ער האט געהאט, וואס יעדעווארט וואס ער האט געהערט, וואס מען האט אים געזאגט, האט ער עס מקבל געווען ווי עס דארף צו זיין.

**ווען** ער איז געלעגן ל"ע אין שפיטאל אין זיינע לעצטע טעג, א טאג צוויי פאר ער איז נסתלק געווארן, האט ער מיך אנגערופן איינמאל ביינאכט, און ער זאגט מיר, איך ליג דא אין שפיטאל, און עס איז מיר שווער צו ליגען אויף די זייט, ווענגן די אטעמען וואס איז געווען שווער, צו עס איז דא א היתר אז ער זאל קענען ליגען אויף די רוקען יעצט קראנקערהייט אינעם בעט. דאס יראת ה' וואס עס ליגט אין דעם! אין אזא מצב, טוט מען דאך אלעס וואס מען קען, זיך צו פארגרינגערן, יעדער וואלט זיך מורה היתר געווען, מען וואלט נישט געפרעגט א שאלה. עס איז נאר דאס יראת ה' וואס איז געווען על פניו, דאס האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער האט זיך נישט גערירט פון א זאך. מען דארף וויסן, מעג איך עס טון, צו טאר איך עס נישט טון. - מען קומט זיך צוזאם, און מען גיט צדקה לעילוי נשמתו, דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה, ער האט איבערגעלאזט ב"ה אזעלכע שיינע דורות, קינדער וואס גייען אין זיין וועג, אייניקלעך וואס איז א שטאלץ פאר די עלטערן, זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, די נשמה זאל האבן א עליה און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

**איך** וויל עקסטער באדאנקען פאר די אלע וואס פירן אן די מוסדות, דער חשובער מנהל רבי משה יואל זאל זיין געזונט, וואס לייגט אריין אויסערגעווענליכע כוחות אין יעדן קינד אים ארויפצוברענגען. ר' חיים מאיר אין די עניני גשמיים, ער שטעלט צו פאר די תלמוד תורה אלעס וואס מען דארף, און אלע ארום און ארום וואס טוען אים ארויסהעלפן, ר' פנחס זאל זיין געזונט, און אנדערע וואס זענען אין די ועד ההנהלה. דער באשעפער זאל זיי געבן ווייטער אויך, אז אין דעם זכות זאלן זיי זעהן נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך. מען שטייט יעצט ערב ראש חודש סיון, ביום הזה באו מדבר סיני, בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, מען זאל קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת במדבר – ערב ראש חודש סיון***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יחיאל אביגדור מענדלאוויטש** הי"ו (חתן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** ע"ה), שהתקיים בבית המדרש פאלטישאן.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי (לרגל היומא דהילולא ביום ערב שבועות הבעל"ט). **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***יום רביעי פרשת במדבר – ראש חודש סיון***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יעקב קאליש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק הגה"צ רבי ברוך כהנא שליט"א האדמו"ר מקארלסבורג**, שישב שבעה על פטירת אחיו **כ"ק האדמו"ר מספינקא ב"ב זצ"ל**.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' מבניו:** אונז האב מיר פראבירט אביסל אויסצובאהאלטן...

**האדמו"ר מקארלסבורג:** איך בין געווען דריי טאג אין שפיטאל, דאנערשטאג נאכט בין איך אהיימגעקומען פון שפיטאל, איך האב דאך געוואוסט אז ער פילט זיך נישט גוט, איך האב שוין צופיל שמועות געהערט, און פרייטאג האט מיר איינער געקלינגען, און ער האט אויפגעהערט צו רעדן אינדערמיט, האב איך געזאגט פאר די קינדער, אז איך קען נישט אזוי.

**רבינו:** א יוד האט מיר דערציילט, אז דער **שאצער רב זצ"ל** פון לאנדאן, האט דאך ל"ע פארלוירן זיינע קינדער בחייו. און ביי איין קינד וואס איז אוועק, וואס איז נישט געזונט געווען, האט ער שטענדיג מתפלל געווען. און ווען עס איז אוועק, האט מען אים נישט אויסגעזאגט, און ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט, ער האט נישט געפרעגט קיין שום זאך, און ער האט פארשטאנען אז ער איז שוין נישט דא. ער האט געווארט גאנצע שלשים, ער האט נישט געפרעגט, און מען האט אים נישט געזאגט. נאך די שלשים האט ער געפרעגט, וואס הערט זיך? און ער האט זיך געזעצט ווי א שמועה רחוקה. ער האט געזאגט, אז ער האט נישט געוואלט, אז עס זאל אים שטערן א גאנצע וואך.

**האדמו"ר מקארלסבורג:** ער האט איינמאל באקומען א טעלעגראם פון די טאכטער, און ער האט פארשטאנען וואס דער טעלעגראם איז, האט ער עס נישט געעפענט.

**א' מבניו:** דאס איז געווען ווען זיין טאטע איז אוועק, עס איז אנגעקומען א טעלעגראם, און ער האט עס נישט געעפענט, ער האט געדאווענט, ער האט געגעסן, ער האט זיך געשוירן, און דערנאך האט ער עס געעפענט.

**רבינו:** מדינא דגמרא, ווילאנג מען זאגט נישט, איז נישט חל קיין אבילות.

**א' מבניו:** עס איז דא א בריוו פונעם שאצער רב, לגבי דאס וואס דער רב האט געזאגט, וואס ער שרייבט, איך האב פארשטאנען, אבער דאס איז נישט פון די מצות וואס מען מוז נאכלויפען, דערפאר האב איך נישט געפרעגט.

**רבינו:** מען ווערט דאך געשטערט פון אסאך מצוות אין אזא מצב.

**האדמו"ר מקארלסבורג:** אנדערע זאגען אז עס איז א טובה פאר די נשמה, די נחמה פון יודען.

**רבינו:** דאס איז ווען מען דארף. און ווען עס קומט שבת אינדערמיט, און אז עס קומט יום טוב וואס איז מפסיק די אבילות. דאס איז טייטש, אז מען טוט וואס די תורה האט געהייסען, און די ענינים ווערן געטון פון זיך אליין.

**א' מבניו:** דער טאטע האט גערעדט דערפון ביי שלש סעודות, אז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה. מען איז געווען פאריגע וואך אין שפיטאל, און מען האט נישט געקענט געהעריג דאווענען א טאג צוויי, און יעצט קען מען נישט לערנען.

**רבינו:** מען איז פטור פון לימוד התורה אין די צייט, דאס איז די גרינגסטע מצוה וואס מען קען טון לעילוי נשמתו, נישט לערנען. מען דארף גארנישט טון, און מען טוט דעם רצון ה'. דאס נישט לערנען איז אויך א עילוי.

*

**א' מבניו:** עס איז דא עפעס א מעשה פונעם זיידען אלץ קינד ביים **אמרי יוסף**, לגבי מקוואות.

**רבינו:** דער **סערדאהעלער רב** איז געווען א בחור פון פערצן יאר, און דער **אמרי יוסף** האט פארציילט א מעשה פונעם ערשטען **בעלזער רב**, אז ער האט געשטעלט א שומר בשעת ער האט גע'כשר'ט די מקוה, אז קיינער זאל נישט צורירן צום וואסער. און איינער האט געדארט עפעס פאררעכטען, און ער האט צוגעריירט, האט ער געהייסען מען זאל טוישן די וואסער. דאס איז טייטש, אפילו מים שאובים פסל'ט נישט ווייניגער פון דריי לוגין, אבער מים טמאים

פסל'ט יא. דער זיידע איז דעמאלטס געווען א בחור, און ער האט געלערנט דעמאלטס הלכות מקוואות, האט ער זיך אנגערופן אז דאס איז א **ש"ך** אין הלכות מקוואות, און ער האט צוגעצייכענט וואו (יו"ד סימן ר"א סקנ"ט). דער אמרי יוסף האט געהייסען מען זאל ברענגען א שלחן ערוך יורה דעה, און ער האט געזעהן אז דער ש"ך צייכענט צו די שיטה. איז ער נתפעל געווארן פון דעם, און ער האט אים געגעבן א קיש אויפן שטערן (הובא בהקדמת **שו"ת ולאשר אמר**).

דער **בראשוב'ער רב זצ"ל** האט פארציילט, ער איז געווען א ספינקא'ער חסיד, אז ער האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער אין אנהייב, און ער פלעגט זיך אלץ מתאונן זיין פארן אמרי יוסף. און דער אמרי יוסף האט אים געזאגט, איך האב א שטיקל **אור החיים הק'** וואס איז מסוגל פאר קינדער. און ער האט אים אנגעצייכגענט דעם אור החיים הק' אז דאס זאל ער לערנען יעדן טאג, וועט ער געהאלפן ווערן. וכן הוה, דער בראשובער רב האט אזוי געטון, און ער האט נאכדעם געהאט קינדער. לימים איז געקומען א יוד צום בראשובער רב, אז ער האט נישט קיין קינדער. זאגט ער אים, איך האב אויף דעם א סגולה פונעם אמרי יוסף. און ער האט אים געוואלט ווייזען דעם אור החיים הק', און ער האט עס נישט געטראפען. און דער בראשובער רב האט געזאגט, איך האב געקענט דעם אור החיים הק' מיטן לשון, ווייל איך האב עס יעדן טאג געזאגט, און איך האב עס נישט געקענט טרעפן. און איך האב אנגעהויבן אדורכצולערנען גאנץ אור החיים הק' מתחלתו ועד סופו, און איך האב נישט געקענט כאפן וועלכע שטיקל אור החיים הק' עס איז.

**האדמו"ר מקארלסבורג:** דער בראשובער רב האט אויך געליטן אויפן אויג, און ער האט אים געהייסען לייגען די ציצית אויף די אויגן, און פון דעמאלטס אן האט ער אויפגעהערט צו ליידען אויף די אויגען.

**רבינו:** עס שטייט אין **תולדות ערוגת הבשם** (החדש ח"א דף תכג), אז דער ערוגת הבשם האט מספיד געווען דעם אמרי יוסף, און ער האט געזאגט, אז ווען דער אמרי יוסף האט געלייגט תפלין, האט מען עס געפילט פון ספינקא ביז חוסט. און א יוד איז צוגעגאנגען צום ערוגת הבשם, און ער האט אים געזאגט, מען זאגט אויפן חוסט'ער רב אז ער רעדט ווייניג...

**האדמו"ר מקארלסבורג:** אז ער איז א איש אמת, עס איז אמת אז איר האט אזוי געזאגט?! האט ער אים געזאגט, דו האסט דאך געזאגט דעם תירוץ.

**רבינו:** איך האב געהערט אז ער האט אים געזאגט, מען זאגט אויפן חוסטער רב אז ער רעדט ווייניג. האט ער אים געזאגט, איך האב טאקע ווייניג גערעדט. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

*

בשעות הערב התקיים אסיפה מיוחדת לאברכי אנ"ש העוסקים בפרנסה. האסיפה התקיים בבית המדרש של הת"ת בוומסב"ג. הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו פתח את האסיפה, אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה הקדושה זאגט (שמות יט-א), בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים, עס איז געווען דער דריטער חודש, חודש סיון, ביום הזה באו מדבר סיני, דעם טאג זענען זיי אנגעקומען אויף מדבר סיני. ויחן שם ישראל נגד ההר, יודען האבן דארט גערוהט, און די תורה דערציילט די גאנצע השתלשלות פון משה רבינו, ווי אזוי ער האט מציע געווען די תורה פאר יודען. רש"י זאגט, ביום הזה, לא היה צריך ליכתב אלא ביום ההוא, מהו ביום הזה, וואס איז טייטש ביום הזה, היינט, עס איז דאך א זאך פון א עבר וואס איז געווען דעמאלטס. שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום ניתנו, דברי תורה דארפן זיין חדש, אזוי ווי מען האט עס היינט געגעבן. ביום הזה, היינט איז מען אנגעקומען אויף מדבר סיני.

**רש"י** רעדט בכלליות אויף דברי תורה, און אין הייליגע ספרים שטייט, אז יעדעס יאר חזר'ט זיך איבער זמן מתן תורתנו. ווען עס קומט שבועות זאגט מען אז דאס איז זמן מתן תורתנו, דאס איז די צייט וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה. נישט פאר טויזנטער יארן צוריק, נאר יעדעס יאר איז דא אן הארה ביי יעדן יוד, פון א זמן פון מתן תורה. צדיקים האבן זוכה געווען צו גאר הויכע גילויים אין שבועות, אבער אונז רעד מיר פון אונז, פשוטי עם. כדי מען זאל קענען אריינקומען צו מתן תורה, פאלט מען נישט אריין סתם אזוי אין שבועות, און מען איז דארט. אזוי ווי ווען מען האט מקבל געווען די תורה, איז געווען א הכנה פון פריער, בחודש השלישי, ביום הזה באו מדבר סיני, איז יעדעס יאר הייבט זיך אן ראש חודש אן הארה פון מתן תורה. ראש חודש דארף א יוד מאכן די הכנה

כדי ער זאל קענען מקבל זיין די תורה. אז ער וויל עס זאל זיין שבועות, עס זאל זיין חדשים, די קבלת התורה זאל זיין ניי, פארלאנגט זיך דער גאנצער פראצעדור וואס יודען זענען דעמאלטס אדורכגעגאנגען, פון ראש חודש ביז מתן תורה. ביום הזה באו מדבר סיני, היינט, דעם ערשטן טאג אין חודש, היינט זענען מיר אנגעקומען צו מדבר סיני. ויחן שם ישראל נגד ההר, יודען האבן גערוהט דארטן צוזאמען. ווי רש"י זאגט מה ביאתן למדבר סיני בתשובה, אף נסיעתן מרפידים בתשובה, מען איז אנגעקומען נאך יציאת מצרים, וואס מען איז אדורכגעגאנגען שווערע זמנים, יעדער יוד איז אדורכגעפאלן אין מצרים. אבער ווען עס איז געקומען ביום הזה, מען איז אנגעקומען אויף מדבר סיני, הייבט מען אהן א נייעם לעבן, בתשובה. נסיעתן מרפידים איז געווען בתשובה, און ביאתן למדבר סיני איז געווען בתשובה.

**און** משה רבינו האט זיי נאכדעם פארגעלייגט אינעם נאמען פונעם אייבערשטער, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. איך בין ענק מציע א געשעפט, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, אז איר וועט צוהערן צו די תורה, וועט איר זיין פאר מיר א ממלכת כהנים וגוי קדוש. און ווי מען האט פריער געהערט, אז דער ממלכת כהנים וגוי קדוש איז נישט געזאגט געווארן פאר דעם אחד מאלף וואס איז יוצא להוראה, מען האט נישט געגעבן די תורה פאר איינס פון טויזנט מענטשן. מען האט געגעבן די תורה פאר אלע ששים רבוא יודען וואס זענען געווען דארט, מקטן עד גדול. און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעדן יוד וואס איז געווען דארט, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, יעדער יוד, אין זיין מצב וואס ער איז, קען זיין א חלק פון ממלכת כהנים וגוי קדוש. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו זיין לעבן איז אויסגעשטעלט צו זיצן באהלה של תורה, צו ער דארף ארויסגיין אויף די גאס און ברענגען פרנסה, דאס נעמט נישט אוועק פון צו זיין א ערליכער יוד במלוא מובן המלה. וואו ער געפינט זיך, איז געזאגט געווארן פאר אים, אז ער קען זיין א ממלכת כהנים וגוי קדוש, פונקט ווי דער וואס זיצט אין בית המדרש. עס איז געזאגט געווארן פאר כלל ישראל, פאר יעדן די זעלבע. ווען א יוד גייט ארויס אויף דער גאס, און ער פירט זיך ערליך מיט זיינע געשעפטען, על פי תורה, אזוי ווי די תורה האט געהייסן טון. און ער פירט זיך אויף ווי א ערליכער יונגערמאן, ווען ער גייט אויף די גאס, און ווען ער קומט אהיים, איז ער א ממלכת כהנים וגוי קדוש, ער איז א חלק פונעם ממלכת כהנים. ער טוט וואס ער דארף צו טון, דאס האט אים דער אייבערשטער אראפגעשטעלט אויף דעם וועג, און דאס דארף ער צו טון. עס שטייט אין מדרש (ב"ר ע-ט) ווען איינער פון די ששים רבוא יודען וואלטן געפעלט, וואלט דער אייבערשטער נישט געקענט געבן די תורה. יעדער יוד, מקטן ועד גדול, האט געהאט א שייכות וואס ער איז געווען מאוחד, כדי ער זאל קענען מקבל זיין די תורה פונעם אייבערשטער.

**און** אין דעם איז דא א גרויסע ירידה. איך מיין נישט די ירידה בפועל, נאר אין די מחשבה פונעם מענטש. מען רעדט דאך צו יונגעלייט וואס אלע זענען בני תורה, מען האט געלערנט אין די ישיבות, מען קען לערנען, עס איז נישט דא היינט כמעט קיין עמי הארצים ווי עס איז געווען אמאל. און א טייל האבן זוכה געווען, און מען האט געלערנט אין כולל אפאר יאר, און מען גייט ארויס אויף די גאס. **א מענטש פסק'נט ביי זיך אפ, אז ווען איך בין ארויס פון ישיבה, איך בין ארויס פון כולל, בין איך שוין נישט דער זעלבער יונגערמאן וואס איך בין געווען, איך בין שוין נישט דער בן תורה וואס איז געווען פריער. און ער פסק'נט ביי זיך אפ, אז איך דארף שוין נישט אלעס מהדר זיין אזוי ווי אן אנדערער דארף. איך בין דאך שוין אן אנדערער סוג, איך בין דאך שוין א בעל הבית, איך בין שוין אן ארבייטער, איך בין שוין אינדרויסען אויף די גאס, איך האב א אנדערע תורה, איך קען דאך נישט נזהר זיין מיט אלעם וואס איך בין געווען נזהר ביז יעצט, ווייל די מציאות איז דאך אז ער איז אויף די גאס. און ער פסק'נט זיך אפ, אז ער איז פטור פון אלעם. ער וועט זיין א וואוילער יונגערמאן, ער דארף קומען אין בית המדרש דאווענען, ער פארשטייט אז ער דארף האבן א שיעור, ער דארף האלטן שבת, ער דארף מחנך זיין זיינע קינדער, דאס איז זיין יודישקייט. און דא ליגט א געוואלדיגער חורבן! ער נעמט אויף זיך זאכן וואס איז שלא לפי ערכו. ער שטייט אסאך העכער דערפון, און ער לאזט זיך אראפ פון דעם וואס ער איז געווען. און עס האט נישט ביי אים קיין גבול! עס האט נאר ביי אים א גבול ווען עס קומט צו גאר גאר געמיינס, אבער ביז דעמאלטס, איך בין דאך אן**

ארבייטער, איך בין אינדרויסן אויף די גאס, איך קען טון וואס איך דארף, איך קען טון וואס דער צווייטער טוט. ער האט נישט ביי זיך קיין שום גבולים וואס ער דארף טון. און דאס איז פאלטש! ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, מען קען זיין אן ארבייטער, זיין אינדרויסן אויף די גאס, און ער איז א ממלכת כהנים וגוי קדוש.

**די** וואס האבן געקענט דעם פריערדיגן דור, מען רעדט פון צוויי דורות צוריק, די וואס זענען ארויסגעקומען אהער קיין אמעריקא נאך די קריג, זיי זענען געווען זייער פשוט'ע בעלי בתים, רובם ככולם, ווער עס געדענקט פון דעמאלטס, מען האט געקענט ציילן אויף די פינגער די תלמידי חכמים. זיי זענען געווען פשוטע בעלי בתים, כמעט ווי עמי הארצים, ווייל זיי האבן נישט געלערנט אין קיין ישיבות. די וואס זענען געבליבן, זענען געווען ביי די קריג, פערצן, פופצן, זעכצן, זיבעצן, יעריגע בחור'לעך. פארלוירן טאטע מאמע, פארלוירן די משפחות, און וואס מען איז אלץ אדורכגעגאנגען אין א קריג, זיך געוואלגערט פון איין מקום צום אנדערן מקום, איבערגעלאזט א מדינה וואו מען האט געוואוינט, און געקומען אהער קיין אמעריקא, ביז מען האט געטראפן א שידוך, און מען האט אנגעהויבן עוסק צו זיין און ברענגען פרנסה. אבער זיי זענען געווען ערליכע יודען אדורך און אדורך, ערליכע יודען במלוא מובן המלה, זיי האבן מקיים געווען אלעס מיטן גרעסטן תמימות, מיטן גרעסטן ערליכקייט האבן זיי געדינט דעם אייבערשטער. זייער דאווענען איז געווען א דאווענען, וויפיל פשוטע בעלי בתים האט מען געזעהן וויינען ביים דאווענען, מען האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פארן אייבערשטען. ער האט געהאט זיין שיעור, ער פלעגט דארט קומען צום שיעור, און ער איז איינגעשלאפן ביים שיעור, אבער ער איז געקומען. ער האט געוואוסט אז מען דארף זיין א יוד, ער איז געווען אין די ביזנעס ווי אזוי ער האט געדארפט צו זיין, אבער זיין מהות איז געווען צו זיין א ערליכער יוד.

**דאס** האט זיך זייער געטוישט, היינט שפירט מען ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס, אז איך בין נישט דער זעלבער יונגערמאן. מען פארלאנגט שוין נישט פון מיר, וואס מען האט פארלאנגט ביז יעצט. איך דארף זיך שוין נישט פירן ווי אזוי מען האט זיך געפירט פאר דעם, און ער איז זיך מורה היתר אין זייער אסאך זאכן. און דאס טאר נישט זיין! א יונגערמאן דארף וויסן, ווען ער גייט ארויס ארבעטן אינדרויסן אויף דער גאס, אז ער קען זיין דער זעלבער ערליכער יוד ווי א צווייטער. און איך 'מוז' זיין א ערליכער יוד! איך גיי אויפשטעלן א ערליכע שטוב, איך גיי זיך אליינס פירן ערליך. מען וועט דאך אמאל אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם. ער דארף זיך צושטעלן מיט אלע פרטים וואס דארף צו זיין. וואס איך בין אויף די גאס, האב איך נישט קיין ברירה. אבער בעצם וויל איך זיין אן ערליכער אפגעהיטענער יוד. דאס איז די שוועריגקייט וואס איז דא היינט. און דערצו קומט צו די גאס, וואס איז דאך היינט טריפה, די גאס איז דאך היינט זייער פארדארבן, און אראפגעזעהן, און ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, מען דרייט זיך מיט גוים, מען ווערט חברים מיט גוים, און מען טוט נאכטון וואס זיי טוען, מען רעדט אזוי ווי זיי. מען זעהט ווי אזוי זיי פירן זיך, מען הערט ווי אזוי זיי רעדן, דאס ברענגט אראפ, עס ציט אראפ פונעם ריכטיגן וועג. און דאס האט מען מקבל געווען, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, מען איז געקומען צו קבלת התורה, מען האט זיך געטוישט. אין מצרים איז מען געווען עובדי עבודה זרה, מיר זענען מקבל די תורה, און מיר זענען א נייער סארט פאלק, אונז גיי מיר זיך צושטעלן צו די דרכי התורה.

**כדי** דאס זאל קענען זיין, מען זאל זיך קענען האלטן, זאגט די תורה ויחן שם ישראל, עס האט געדארפט זיין א איחוד. יודען זענען געווען כאיש אחד בלב אחד, אלע זענען געווען אזוי ווי איין משפחה, איין הארץ, מען האט זיך צוזאמעגענומען אינאיינעם. ווייל כדי מען זאל זיך קענען האלטן, איז זייער שווער אליינס. ווען עס איז דא א איחוד פון חברים צוזאמען, און מען האלט זיך צוזאם, עס איז דא א געוויסע חבורה, דאס האלט אז מען זאל נישט פאלן טיפער. די גאס איז א מאגנעט צו שלעכטס, די גאס איז אזוי אנגערייצט מיט אלע עניני גשמיים, און דער מענטש פון זיין זייט איז דאך אויף א חומר, א בשר ודם, וואס אין נאטור איז ער נוטה נאכצוגיין נאך תאות לבו, און מען גייט ארויס אין דער גאס, און עס ציט אזוי ווייט, און מען ווערט זייער שנעל צוגעצויגען צו אלעם וואס ער טרעפט, צו וואס ער ווערט עקספאויז"ט, און ער ווערט א

**חלק דערפון, אויב מען האט נישט געגוג שטארקייט זיך צו קענען אפהאלטן דערפון. דאס וואס יודען קומען זיך צוזאם אין בתי כנסיות און אין בתי מדרשות, מיט חברים צוזאמען, און מען לעבט צוזאמען, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס שלעפט אוועק אביסל פון דעם מאגנעט, אז מען זאל זיך קענען האלטן ווי עס דארף צו זיין.** - יודען זענען אנגעקומען מקבל זיין די תורה, ויחן שם ישראל, זיי זענען געווען כאיש אחד בלב אחד, אונז גיי מיר זיך צוזאמהאלטן איינער מיטן צווייטן. איש לרעהו יאמר חזק, איינער וועט ארויסהעלפן דעם אנדערן. דורכדעם וואס מען איז צוזאמען, מען איז מאוחד אינאיינעם, ברענגט דאס דערצו אז מען זאל זיך קענען האלטן און זיך פירן ערליך.

**עס** איז דא כמה אופנים ווי אזוי מען קען מאחד זיין דעם ציבור. מיר וועלן נישט אריינגיין יעצט אין דעם ענין בפרטיות, אבער בכלליות, דאס אליינס אז מען קומט זיך צוזאם, און מען וויל זיין א חלק פון דעם איחוד צוזאמען, אונז וויל מיר זיך צוזאמהאלטן, אונז וויל מיר זיין אינאיינעם, אונז וויל מיר פון צייט צו צייט האבן אונזער איחוד אינאיינעם, דאווענען צוזאמען, שיעורים צוזאמען, הערן דרשות, פארברענגען צוזאמען, די אלע זאכן העלפן דערצו, אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך.

**מסתמא** האט יעדער איינער א שיעור, איינער מער איינער ווייניגער. אבער אסאך מאל איז דא וואס מען לאזט נאך, נישט פאר יעדן איינעם קומט דאס אויס, און מען דארף האבן הילף, און עס וועט זיין הילף. פאר יעדן יונגערמאן וואס דארף א חברותא, וועט מען צושטעלן זיין חברותא, ער זאל קענען האבן מיט וועם צו לערנען. און זיך אומקוקן איינער אויפן צווייטן, זיך אומקוקן אויף די הנהגה. די היינטיגע טעכנעלאגיע הרג'ט דאך אוועק, אסאך מאל שפירט מען אפילו נישט ווי ווייט מען ווערט געפאלן און געזינקן דורך דעם. - די וועלט זאגט, אז א צדיק האט אמאל געזאגט, אז א יוד דארף זיך פארשטעלן ווי דער יצר הרע שטייט מיט א האק, און ער וויל אים אפהאקן דעם קאפ, אזוי דארף מען מורא האבן פון דעם יצר הרע. טאמער שפירט ער דאס נישט, איז א סימן אז ער האט אים שוין אפגעהאקט דעם קאפ. - אויב מען שפירט נישט ווי ווייט מען איז געפאלן, דאס אליין איז א סימן דערויף, אז מען איז שוין אפגעהרג'ט, מען שפירט שוין נישט. און אז מען קומט זיך צוזאמען, דאס גיט די מעגליכקייט אז מען זאל זיך קענען האלטן.

**איז דען דא א הסבר אז א יונגערמאן דארף האבן א סמארטפאון פיר און צוואנציג שעה א טאג? האט דאס דען א הסבר? ווייסט ער דען נישט אז עס ברענגט נישט גוטס? ווייסט ער דען נישט אז דאס וועט אים אראפפירן? איין שיינעם טאג וועט ער זיך זעהן דארט וואו ער וואלט נישט געוואלט אנקומען. ער דארף עס האבן פאר פרנסה? יא, מען האט עס נישט גע'אסר'ט, מען האט נישט געזאגט אז מען טאר נישט. קענסט עס האבן. נוץ עס אויף וואס דו דארפסט עס האבן, אבער נוץ דיין נארמאלן טעלעפאן, זיי א נארמאלער מענטש, פיר דיך ווי אזוי מען דארף זיך פירן על פי דרכי התורה. איך דארף עפעס פאר ביזנעס, יא, איך האב עס, איך נעם עס ארויס, איך וועל טון פאר ביזנעס וואס איך דארף, אבער פארוואס דארפסטו קומען אין בית המדרש און זיך דרייען אזוי? האט דאס א הסבר? דער קאפ איז אפגעהאקט, פארשטייט ער שוין אפילו נישט וואס איז די עוולה. וואס האב איך געטון, איך בין א יונגערמאן, איך בין א ביזנעסמאן, איך בין אינדרויסן אין געשעפט. וואס איז א חילוק צו איך בין דא, צו איך בין דארט, צו איך קוק פינף מאל, צו איך קוק הונדערט מאל. ער האט זיך אפגע'פסק'נט פאר זיך אז ער איז אזא סארט יונגערמאן וואס קען שוין אלעס טון. און דא ליגט דער חורבן! דו ביזט נישט א אפגעפרעגטער יונגערמאן, דו ביזט א חשובער יונגערמאן, די קענסט דיך פירן ווי א חשובער יונגערמאן. מיט אלעם וואס דו טוסט, קענסטו זיין לשם ולתפארת. דער זעלבער יונגערמאן קען זיין א יונגערמאן וואס קומט אריין אין בית המדרש, און דאווענט ווי א נארמאלער מענטש דאווענט, ער כאפט נישט אפ דאס דאווענען, ער דאווענט מלה במלה. ער זיצט נישט אין די לעצטע שורה, אין די בע"ק סיע"ט, ווען ער קומט שבת וכדומה, יוצא צו זיין אז ער איז געקומען אין בית המדרש, און ער טרעפט דעם חבר דארט צו שמועסן.**

**און איך וויל מעורר זיין. אן אמת'דיגער ערליכער יונגערמאן זיצט נישט אין די לעצטע צוויי שורות פון בית המדרש, אין סיי וועלכן בית המדרש מען**

**גייט. דאס איז נישט דער פלאץ פון דאווענען. עס איז נאר געמאכט געווארן, פאר א יוד וואס קומט אריין אין בית המדרש דרך אגב, און ער דארף האבן א פלאץ זיך ארואפצוזעצן, זאל ער האבן ווי זיך ארואפצוזעצן. אבער ווען איינער זעצט זיך מעיקרא אהין, איז טייטש איך קום אריין אין בית המדרש נישט צום דאווענען, איך קום אפצוזאגן וואס איך דארף אפזאגן, שמועסן אביסל מיט די חברים און ארויסגיין. איינער וואס וויל דאווענען, זעצט זיך אויף א פלאץ ווי מען דאווענט. זיך דיר אויס א חבר וואס דאווענט ערליך, צו זיצן נעבן אים. דו וועסט נתעורר ווערן פון זיין דאווענען, און ער וועט נתעורר ווערן פון דיין דאווענען. מען שטעלט זיך מעיקרא אראפ אויף א פלאץ וואס ער ווייסט אז ער גייט נישט דאווענען, ער ווייסט אז דאס איז נישט דער מקום וואו מען דאווענט, וואס האט ער זיך ארואפצוזעצן דארט? נאר ער פילט ביי זיך, אז ער איז דאך ממילא גארנישט, איך בין דאך ממילא אויף דער גאס, איך בין דאך ממילא אן ארבייטער, וואס איז א חילוק צו איך זיץ דא, צו איך זיץ דארט. האב איך יא געדאווענט היינט ערליך, האב איך נישט געדאווענט היינט ערליך. דאס איז אלעס זאכן וואס די גאס האט אים אראפגעברענגט דערצו, אז ווען מען איז ארויס פון בית המדרש, בין איך א אנדערער סארט יוד פון וואס איך בין געווען, און דאס טאר נישט זיין.**

**דאס** איז דער איחוד וואס מען וויל צוזאמנעמען, מען זאל זיין צוזאמען. יא אונז גיי מיר זיך פירן ערליך, אונז גיי מיר האבן אונזערע הדרכות, אונז גיי מיר זיך פירן אויף א געווויסן מהלך וואס זאל זיין אויסגעהאלטן לשם ולתפארת, טוב לשמים וטוב לבריות. עס מוז נישט זיין, ווייל איינער האט צוטון אויף די גאס, איז מען אנדערש, און מען זאל מוזן זיין אזוי פיר און צוואנציג שעה. א מענטש דארף וויסן, איך בין א ערליכער יונגערמאן, איך בין א אפגעהיטענער יונגערמאן, איך טו וואס מען דארף צו טון. ווען איך בין אין די ביזנעס, טו איך וואס איך דארף טון פאר די ביזנעס, און די איבעריגע זאכן איז מיין פלאץ אין בית המדרש, צו לערנען, צו דאווענען, און זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין.

**און** יעצט איז די צייט ווען מען איז מקבל די תורה, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל. און יודען האבן אויף דעם געענטפערט קול אחד, כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, דאס האט מען געזאגט אין די טעג. יומא קמא לא אמר להו ולא מידי, אבער דעם צווייטן טאג, ב' סיון, איז משה רבינו געקומען און האט איבערגעגעבן די ווערטער, און יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע. און מען דארף גיין מיט די הדרגה פון מתן תורה, דאס דארף זיך איבער'חזר'ן ביי יעדן יוד, נישט קוקן וואס איז געווען ביז יעצט, נישט קוקן וואס איך האב געטון פאר דעם, פון היינט און ווייטער, וויל איך זיין א חלק פון א גוטע חברותא, זיך מחבר זיין איינער מיטן צווייטן, איך וויל האבן א שייכות מיט א גוטע חברותא צוזאמען, און איך וויל זיך פירן מיט אלעם אזוי ווי די תורה פארלאנגט אז מען זאל זיך פירן.

**יונגעלייט** האבן מעורר געווען, און מען האט זיך צוזאמגענומען, און מען וועט צושטעלן פאר יעדן איינעם וואס ער דארף האבן ער זאל קענען שטייגן, און זיין א ווואילער יונגערמאן. יונגעלייט דארפן זיך צושטעלן פון זייער זייט, מען האט פריער געהערט וואס מען פארלאנגט פון אים, ווי אזוי ער דארף זיך אויפפירן. וואס מען פארלאנגט פון די בני בית, ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן. מען קען דאך נישט אריינגיין צו יענעם אין שטוב, אבער דאס דארף זיין פארשטענדליך, אז ער איז דער בעל הבית. אבער אין דעם עשה טוב, מען זאל זיך קענען צוזאמהאלטן אין תורה און עבודת ה' וכדומה, וועט מען פרובירן צוצושטעלן פאר יעדן יונגערמאן וואס ער דארף צו האבן. - דער אייבערשטער זאל העלפן, אז חפץ ה' בידינו יצליח, עס זאל קענען ארויסקומען דערפון א כבוד שמים, מען זאל קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. און אנטקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם קלמן וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

*יום חמישי פרשת במדבר - יום המיוחס*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שלמה ברוך עלנער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **עמרם לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סטריזוב.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל כינוס ילדי התתי"ם בוומסב"ג להתעורר בזהירות בכלי הטעכנאלאגיע, שהתקיים באולם קאנטינענטאל, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**איך** וויל קודם באגריסען אלע חשובע קינדער און בחורים, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא פאר קבלת התורה. מען האט ב"ה געהערט פייערדיגע ווערטער פונעם פריערדיגער רעדנער, ר' ראובן יואל קעפעטש זאל זיין געזונט, וואס האט ארויסגעברענגט די אלע פראבלעמען וואס איז דא אין די היינטיגע וועלט אין טעכנעלאגיע. און ווי אזוי מען דארף זיין אפגעהיטן, אויב מען וויל בלייבען ערליך, און מען וויל זיין א חלק פון כלל ישראל, ווי אזוי מען דארף זיין נזהר אין די יוגענט.

**עס** איז היינט זייער א גרויסער טאג, היינט איז געווען דער טאג וואס משה רבינו איז געקומען צו יודען אין נאמען פונעם אייבערשטען, און ער האט געזאגט פאר יודען, אז אויב זיי וועלן מקבל זיין די תורה, והייתם לי סגולה מכל העמים וגו', ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. און יודען האבען געענטפערט דערויף קול אחד, מיט איין קול האבען זיי געזאגט, כל הדברים אשר דבר ה' נעשה (שמות כד-ג). היינטיגען טאג האט משה רבינו געגעבן פאר אונז די געלעגענהייט, אונז זאל מיר קענען מקבל זיין די תורה. יומא קמא, דעם ערשטען טאג ווען זיי זענען אנגעקומען צום בארג סיני, האט דער אייבערשטער גארנישט געזאגט, משום חולשא דאורחא. דעם צווייטען טאג, ב' סיון, האט משה רבינו איבערגעגעבן פאר יודען די ווערטער פונעם אייבערשטען, משה רבינו האט זיי פארגעלייגט די תורה, ער האט זיי פארגעלייגט די שכר וואס מען וועט באקומען אויב מען וועט זיך האלטן ערליך, ער האט זיי פארגעלייגט די שוועריקייטן וואס תורה האט, די אלע עונשים וואס איז דא אין די תורה, עס איז נישט גרינג מקבל צו זיין אויף זיך עול תורה, תרי"ג מצות. מצות עשה, און מצות לא תעשה, מיט הארבע עונשים אויף יעדע זאך. און מען האט זיך נישט דערשראקן! מען האט פארשטאנען די חשיבות פון זיין א גוי קדוש, פון זיין א הייליג פאלק, פון זיין א ממלכת כהנים פארן אייבערשטען. און אלע יודען האבן זיך אנגערופן מיט איין קול, וואס דער אייבערשטער בעהט פון אונז, זענען מיר גרייט צו טון.

**און** זיי האבן עס געזאגט, קול אחד, מיט איין קול האבן זיי געזאגט נעשה ונשמע. אמאל איז דא וואס מען רעדט, און מען ווערט נתעורר, און נישט יעדער האלט דערביי, אבער איינער רופט זיך אן, איך נעם אויף מיר א קבלה, איך גיי אזוי טון. און ווען דער צווייטער זעהט אז דער ערשטער האט מקבל געווען, גייט דער צווייטער נאך, און ער שאקלט אויך מיטן קאפ. און אזוי דער דריטער, און אזוי ווערט צוזאמגענומען א געוויסע קבלה וואס מען נעמט אויף זיך. ביי מתן תורה איז נישט געווען אזוי, עס איז נישט געווען אז א טייל יודען האבן געזאגט, איך בין גרייט מקבל צו זיין די תורה, און די איבריגע האבן נאכגעטון אונז גיי מיר אויך אזוי טון. נאר יודען האבן זיך אנגערופן קול אחד, אויף איין מאל האט זיך יעדער אנגערופן, איך בין דא צו טון וואס דער אייבערשטער האט געהייסען. כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, אלעס וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, בין איך גרייט צו טון.

*

**דער** טאג ווערט אנגערופן יום המיוחס, דעם טאג זענען מיר געווארן מיוחסים. דעם טאג האט אונז דער אייבערשטער אויסגעקליבן אז ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. עס שטייט אין הייליגע ספרים, יעדער ווייסט אז יחוס איז זייער א שיינע זאך, מען איז זיך מתייחס מיט די אבות, מען גייט בדרכי אבות, מען גייט אין די וועגן, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. יעדער איז זיך מתייחס מיט זיינע עלטערן, און מיט זיינע זיידעס, און עלטער זיידעס. עס איז דא אמאל א יחוס וואס א מענטש דארף גארנישט צוטון דערצו, ער נעמט עס

איבער פונעם פאטער, און פונעם זיידען. כתר כהונה, צו זיין א כהן, דארף מען גארנישט טון. אויב ער איז געבוירן געווארן אין א שטוב פון כהנים, ווערט ער א כהן. דער טאטע איז א כהן, און דער זיידע, עס גייט צוריק ביז אהרן הכהן. ער איז א כהן, און ער איז א מיוחס, ער האט כתר כהונה.

**עס** איז דא כתר מלכות, א מלך. ער דארף געבוירן ווערן אין א שטוב פון א מלך, און ווען דער מלך גייט אוועק, איז תחתיו מבניו (ויקרא ו-טו), נעמט דער זון איבער דאס מלכות, אויב ער איז ראוי דערצו. עס איז א יחוס וואס איז אומגעארבעט, אן דעם וואס ער האט עפעס געטון דערצו. נישט יעדער קען זוכה זיין דערצו, עס איז נשמות וואס דער באשעפער שיקט אראפ, דאס באלאנגט צו כהנים, און דאס באלאנגט צו מלכות.

**עס** איז דא איין יחוס וואס יעדער פון ענק קען ווערן מיוחסים. עס איז נישט קיין חילוק פון וואס פאר א שטוב ער קומט, און אין וואס פאר א מצב ער איז. תורה האט דער אייבערשטער געגעבן אז דאס איז הפקר. תורה מונחת בקרן זויות, תורה ליגט אין א ווינקל, און יעדער איינער קען זוכה זיין צו נעמען די תורה (קידושין סו.). **יעדער איינער פון אונז קען אויסוואקסען א גדול הדור! אויב ער וועט זיך אכט געבן פון די יוגענט אן, זיך צו פירן ערליך. ער וועט אכט געבן פון די יוגענט אן אוועקצוגעבן די גאנצע קאפ פאר תורה, נישט ליגען אין אנדערע זאכען אויסער לערנען. ווען ער האט פרייע צייט גייט עס אוועק פאר תורה, און ער ווערט ערצויגען ערליך מיט תורה און יראת שמים, דאס ברענגט אז מען איז זוכה צו כתר תורה.**

**דעם** היינטיגען טאג האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די תורה, עס איז א יום המיוחס, עס איז א טאג וואס יעדער איינער פון אונז קען האבן דעם יחוס. עס איז נישט דא קיין ערשטע קלאס נשמה, צווייטע קלאס נשמה, אלע ששים רבוא יודען זענען די זעלבע. עס שטייט אין מדרש (ב"ר ע-ט) אז אויב עס וואלט געפעלט איין יוד פון די ששים רבוא יודען, וואס זאל זיך נישט צושטעלן צו מתן תורה, וואלט דער אייבערשטער נישט געגעבן די תורה. מען מוז האבן דעם גאנצען כלל ישראל צוזאמען. און דאס איז דער יום המיוחס, וואס יעדער איינער פון אונז קען אויסקלויבן דעם היינטיגען טאג, און זאגען כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע. און יודען האבן מקדים געווען נעשה פאר נשמע, וואס מען וועט פון מיר פארלאנגען, וואס עס האט צוטון מיט תורה און יודישקייט, בין איך דארט, און איך בין גרייט צו טון. וואס מען דארף צו טון, וועל איך הערן מארגען, אבער איך נעם אויף מיר די קבלה, אז איך בין גרייט צו טון תיכף. איך בין מקדים די נעשה, פאר איך ווייס אפילו וואס מען גייט פון מיר בעטן. אויב עס איז תורה, געב איך זיך אוועק פאר תורה. און דאס האבן יודען מקבל געווען דעם היינטיגען טאג.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא ויגש ב), אז דער אייבערשטער האט געפרעגט, ווער וועט זיין דער ערב אויף קבלת התורה. ווען א מענטש מאכט א געשעפט, ער טוט אינוועסטירן ערגעץ, וויל ער וויסן אז ער אינוועסטירט אין א גוט געשעפט. ער גייט נישט אריינלייגען געלט אין א זאך וואס ער ווייסט נישט צו עס וועט זיך אויסארבעטן צו נישט. ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר יודען, האט דער אייבערשטער געוואלט האבן א ערב, איך וויל וויסן אז ווען איך גיי אראפברענגען די הייליגע תורה, וואס מלאכים האבן עס געבעטן, תנה הודך על השמים (תהלים ח-ב), און איך גיי עס איבערגעבן פארן כלל ישראל, ווער גאראנטירט מיר, אז יודען וועלן האלטן די תורה. איך זוך א גאראנטי אז די תורה וועט נישט בטל ווערן. יודען האבן געענטפערט, מיר האבן אבות, און אזוי ווייטער. דער אייבערשטער האט נישט מקבל געווען די אלע ערבים. ביז זיי האבן געזאגט, בנינו ערבים, אונזערע קינדער זענען די ערבים. אונז נעם מיר אויף זיך, אז אונז הייבט מיר אן מחנך צו זיין אונזערע קינדער ווילאנג זיי זענען נאך קליין, פאר זיי זענען נאך מחיוב במצוות, פאר מען האט נאך ארויפגעלייגט אויף זיי דעם עול פון מצות. דער אייבערשטער האט נאר געגעבן די תורה פאר די וואס זענען געווען פון די בר מצוה און ווייטער. פון דעמאלטס אן איז ער א בר חיובא, פאר דעם איז ער נישט א בר חיובא. אבער יודען האבן געזאגט, מען קען נישט אנהייבן צו האלטן די תורה ווען מען ווערט בר מצוה, און ביז דעמאלטס איז מען א גוי. ווען מען ווערט בר מצוה, וועט מען זיך פירן ווי עס דארף צו זיין. אונז גיי מיר אנהאלטן

די תורה. פון ווען א קינד איז נאך קליין, לערנט מען מיט אים, תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב (דברים לג-ד). משיכול לדבר, פון ווען ער קען ארויסרעדן א ווארט, לערנט מען מיט אים תורה (סוכה מב.). ווען מען האט איינגעוויקט א קינד אין בעטל, האט די מאמע אים געזינגען ווערטער פון תורה, תורה איז די בעסטע סחורה, אזוי ווי עס איז געווען אמאל די סדר. מען האט אריינגעלייגט אין א קינד אהבת תורה, פון ווען דאס קינד איז נאך געווען קליין. און יודען האבן געזאגט, דו ווילסט האבן א גאראנטי אז אונז וועל מיר האלטן די תורה, אונז גיי מיר אוועקגעבן אונזערע קינדער, און זיי מחנך זיין פון ווען זיי זענען נאך קליין, אז זיי זאלן ערצויגען ווערן מיט א גייסט פון תורה.

**ב"ה** די אלע קינדער וואס געפונען זיך דא, זענען ב"ה אין פיינע תלמוד תורה'ס, מיט די בעסטע רבי'ס צוגעשטעלט פאר זיי. עס איז היינט נישט דא קיין תירוץ, אז א בחור זאל נישט אויסוואקסען א תלמיד חכם, ער זאל נישט אויסוואקסען א ירא שמים. מען שטעלט אים צו אלעס אויף א גאלדענע טאץ. איין זאך דארף מען נאר האבן, א רצון! אין לך דבר שעומד בפני הרצון (זוה"ק ח"ב קסב:), **ווען מען איז מקבל אויף זיך, ער נעמט אויף זיך מיטן גאנצן הארץ, איך וויל זיין א ערליכער יוד, איך וויל אויף מיר נעמען עול התורה, איך גיי טון אלעס אין דער וועלט כדי איך זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, א ירא שמים, א צדיק און א ערליכער יוד, דעמאלטס איז ער זוכה אז ער קען צוקומען דערצו.**

**היינט איז ליידער געווארן א וועלט וואס די נסיונות זענען אזוי גרויס, די גאס רייסט שטיקער פונעם כלל ישראל, די אלע מכשירים וואס קומען היינט אריין, די אלע כלים וואס קומען היינט אריין אין די מארקעט, צוביסלעך, צוביסלעך, קומט עס אריין אין כלל ישראל אויך. עס איז נישט דא קיין איינס דערפון וואס ברענגט צו יראת שמים. נאר פארקערט, יעדע איינע פון די כלים, קילט אפ ביי א יוד א געוויסע ערליכקייט וואס ער האט געהאט פאר דעם. אמאל ווארפט עס אים אריין ממש אין שאול תחתית, און אמאל קילט עס אים נאר אפ פון זיין יודישקייט. און די גדרים וסייגים וואס מען נעמט אויף זיך, דאס וועט ענק האלטן, אז עטץ זאלטס קענען בלייבען א ממלכת כהנים וגוי קדוש.**

**איך** וויל ענק אנוואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל ענק געבן, אז עטץ זאלטס האבן סייעתא דשמיא שפעטער אויך. כאשר זכינו לסדר אותו, כן נזכה לעשותו, מען האט זוכה געווען אטייל צו נעמען דא היינט, און הערן די טייערע דיבורים וואס מען האט געהערט, דארף מען דאס איבערחזר'ן פאר זיך. וואס האב איך היינט געהערט? מיט וואס גיי איך אוועק פון דא? וואס נעם איך מיט? וואס איז מיין קבלה? איך בעהט נישט פון דיר א צעטל, אבער וואס איז דיין קבלה אין הארץ, וואס האסטו זיך פארגענומען ווען דו גייסט ארויס פון דא, אז מארגען וועט ביי דיר זיין אנדערש פון וואס עס איז געווען היינט. דאס דארף יעדער יונגעל און יעדער בחור איבערטראכטען. און נעמען אויף זיך, אין הארץ, א קבלה, וואס איך גיי פון היינט און ווייטער זיך טוישן, און זיך פארנעמען, איך זאל נישט פארפאלען ווערן, ווי ליידער הונדערטער און טויזנטער אנדערע וואס זענען שוין פארפאלן געווארן, און זיי האבן שוין נישט כמעט א וועג אויף צוריק. אז מען וויל נישט צוקומען דערצו, איז יעצט די צייט. ווען עס איז בנינו, ווילאנג מיר זענען נאך קינדער, דעמאלטס איז ערבים לנו, דאס זענען אונזערע ערבים אז תורה וועט זיך האלטן.

**עס** איז שוין אט אט זמן מתן תורתינו, עס קומט אזא הייליגע יום טוב פון שבועות, צוגיין צו קבלת התורה מיט א ערנסטקייט. און די אלע טעג פאר דעם זענען געווען טעג פון הכנה צו מתן תורה, הגבלה און פרישה וואס מען האט זיך געדארפט אפשיידען פון עולם הזה זאכען, זיך צוצוגרייטען צו מתן תורה. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידר קידושין אצל החופה של בן הר"ר **בערל דייטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ אב"ד טשענגער זצ"ל.**

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מגארליץ שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ אב"ד טשענגער זצ"ל**.

*מתוך השיחה:*

**האדמו"ר מגארליץ:** א דאנק דעם רב האב איך א האלבן דאלער מיט א דאלער פונעם **סאטמארער רב**. דער רב האט מיר געזאגט אין ישיבה (שלמדו ביחד בישיבת נייטרא), אז מען קען געבן משלוח מנות פארן סאטמארער רב. דעם קומענדיגען יאר האב איך געזאגט פאר מיין טאטע און מאמע אז מען זאל צוגרייטען א שיינעם טאץ פאר משלוח מנות. דער סאטמארער רב האט געהאט א ריזן עולם פורים נאכמיטאג וואס מען איז אדורכגעאנגען מיט קוויטלעך. און איך בין געגאנגען פונעם אנדערן זייט טיש, און איך גיי צו צום רבי'ן. דער רב האט מיר געזאגט, אז ער פלעגט געבן פינף דאלער. און ער גיט א טראכט וואס ער גיט מיר. לייגט ער צו זיין האנט צו זיין וועסטל טאש, און ער נעמט ארויס א זילבערנעם דאלער. איך האב מיטגענומען מיין יונגערן ברודער רבי מרדכי, און אים האט ער געגעבן א האלבן דאלער. און איך האב עס אוועקגעלייגט. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען וואס עס איז פשט פון דעם. פאראיאר איז ארויסגעקומען 'דער אוצר' פון די בני יואל, האבן זיי באשריבען די ערשטע יארן פונעם סאטמארער רב. שרייבן זיי ווי דער רבי האט זיך געגרייט צוריקצופארן קיין ארץ ישראל, און ער האט נאך געדארפט בלייבן אויף פורים. האט ער געזאגט, איין מעלה איז דא אין אמעריקא וואס איך האב נישט געהאט אינדערהיים. אינדערהיים איז נישט געווען א האלבע מטבע, אין אמעריקא איז דא א האלבע דאלער, קען מען מקיים זיין מחצית השקל. אבער אזוי ווי אינדערהיים האב איך געגעבן א גאנצע מטבע, ווייל עס איז נישט געווען קיין האלבע, וויל איך עס נישט מבטל זיין, וועל איך געבן א האלבע מיט א גאנצע.

**רבינו:** איך האב אזא הנאה דאס צו הערן. ווייל מיר איז אויך געלעגן אין קאפ, אז ביי מחצית השקל האט ער געגעבן א האלבע מיט א גאנצע. און איך האב קיינמאל נישט געקענט פארשטיין וואס איז די גאנצע וואס ער גיט. - און פון די מחצית השקל פלעגט אים איבערצובלייבען פון די מטבעות, און דאס האט ער געגעבן ווען מען האט געברענגט משלוח מנות.

**האדמו"ר מגארליץ:** ווי אזוי האט דאס דער רב געזעהן, דער רב זאגט דאך, אז מען האט באקומען פינף דאלער.

**רבינו:** איך האב באקומען אמאל פינעף, און אמאל א גאנצע. און איין מאל בין איך געשטאנען אין בית המדרש ווען ער האט געגעבן מחצית השקל, און איך האב געהערט ווי עזריאל גליק זאגט אים, דער רבי גיט נאך א גאנצע אויך. און איך האב נישט פארשטאנען וואס ער זאגט א גאנצע. פארוואס גיט מען פאר מחצית השקל א גאנצע. און אז דו זאגסט מיר דאס, פארשטיי איך, אז ער האט נישט געוואלט געבן א קלענערע סכום געלט, פון וואס ער איז געווען רגיל צו געבן.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בסעודה לכבוד הכנסת ספר תורה על ידי **הרה"ג נתן נפתלי הורוויץ שליט"א** רב דקהל אור יחזקאל, שנכתבה לע"נ אביו **הגה"צ רבי יחזקאל הורוויץ זצ"ל** ראב"ד דקהלתנו הק' בבארא פארק, שהתקיים באולם בית שרה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של הר"ר **אברהם מאיר רוב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל כף** הי"ו, שהתקיים באולם זמר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **בערל דייטש** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **שמואל ישעי' טענענבוים** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יוסף יונג** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

*ערב שבת קודש פרשת במדבר*

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד טאלטשעווע שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ אב"ד טשענגער זצ"ל**.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אברהם ראזענבערג** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

***<u>שבת קודש פרשת במדבר</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד בנש"ק הבחור **משה מרדכי הלברשטאם** נ"ו.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, ולבת הנולדה אצל הר"ר **שלמה זלמן אייגנער** הי"ו. **רבינו שליט"א** עלה למפטיר, ועבר לפני התיבה לתפלת המוספין, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל בערב שבועות הבעל"ט. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

בדרך לביתו נאוה קודש נכנס **רבינו שליט"א** לקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן הר"ר **יואל לוסטיגמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.